**בס"ד. שיחת י"א ניסן ה'תשמ"ב.**

הנחה פרטית בלתי מוגה

**שיחה ג':**

ווי דערמאנט פריער, ווערט ערווארט פון יעדער מענטשן, אז וויבאלד אז דער אויבערשטער גיט אים צייט און יארן אז ער זאל וואקסן – זאל ער וואקסן צום אלעם ערשטן אין דער נשמה און אין רוחניות, וואס דאס קומט צוזאמען מיטן וואקסן פון דעם גוף, און ווי דער אלטער רבי אונטערשטרייכט אין תניא, אז "גופם טפל ונפשם עיקר": אז דער עיקר וווקסן דארף גאר זיין אין דער נשמה, און דורך דערויף, אלס א טפל, וואקסט אויך דער גוף.

וואס אט דא ווערט דאך די שאלה וואס מ'פרעגט – און ליידער איז דא גאר אזוינע וואס פרעגן ניט, נאר אליין מאכן זיי שוין די מסקנות, כאטש אפילו די שאלה האט דעם ריכטיקן ענטפער – אז וויבאלד אז ער איז געווארן מיט א יאר עלטער, במילא איז ער דאך שוין ניט – ווי די וועלט מיינט – מיט די כחות וואס ער האט געהאט מיט א יאר פריער, בארעכטיגט דאס אים אז ער זאל עפעס נאכגעבן און טאן ווייניקער אין די ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט זיין שליחות.

און ווי עס פירט זיך גראדע אין מדינה זו, וואס זי איז דאך געבויט געווארן אויף "מרץ", אויפגעבויט געווארן און מ'האט דאס אוועקגעשטעלט אלס א ציל, אז מ'זאל זען זיך אויפארבעטן, ביז וואנעט אז דאס ווערט שוין אמאל איבערטריבן, און מ'מאכט דערפון דעם עיקר: אז אין וואס באשטייט דער אויפארבעטן? אין די ענינים פארבונדן מיט כסף וזהב, ענינים פארבונדן מיטן גוף, און מ'מאכט דערפון דעם עיקר; און דוקא אין דער מדינה האט מען איינגעפירט, אז בשעת א מענטש ווערט אלט עטלעכע און פערציג יאר, ווער רעדט נאך – פופציג יאר, ווער רעדט נאך – עטלעכע און פופציג יאר, בארעכטיגט דאס אים, אז ער זאל שוין טראכטן וועגן "רעטייער'ן", וועגן ווערן ווייניקער אקטיוו אין זאכן וואס זיינען פארבונדן מיט מענטשלעכקייט, וואס דאס איז דער עיקר און דער תכלית פון זיין באשאף.

און בשעת מ'פרעגט ביי אים: דער אויבערשטער האט דאך באשאפן א מענטשן – "אדם לעמל יולד" – כדי ער זאל הארעווען און אויפטאן אין דעם אויבערשטנ'ס וועלט, איז וויבאלד אז דער אויבערשטער גיט דיר פופציג יאר, און דערנאך אן איין און פופציגסטן יאר, און א זעכציק יאר, און אן איין און זעכציגסטן יאר – איז דאך דאס א ראיה אז דו האסט נאך וואס צו אויפטאן אין דער וועלט, און ניט ח"ו אויסנוצן דאס אלס אן אויסרייד אז דערפאר טוט ער ווייניקער אין זיין עיקר שליחות, וואס דאס איז – אנטפלעקן געטלכקייט אין וועלט, וואס דאס איז פארבונדן דורך אנטפלעקן

מענטשלעכקיט אין יעדער מענטשן; ווערט ער שוואכער אין דעם, און האט אויף דערויף א בארעכטיקונג פאר זיך, וויבאלד אז ער זעט אין זיין "סערטיפיקייט", אין זיין תעודה פון הולדת, אז ער איז געווארן עלטער מיט א יאר, ער איז שוין אלט איין און פופציג, אדער איין און זעכציג — איז ער בארעכטיגט אויף טאן ווייניקער.

און אז מ'פרעגט ביי אים: וואס וועט ער טאן מיט זיין לעבן? ענטפערט ער, ער וועט הנאה האבן פון דער הארעוואניע וואס ער האט געהארעוועט ביז ער איז געווארן פופציג יאר; וועט ער איצטער עסן די "פירות".

זאגט אים תורת אמת — וואס זי איז אויכעט תורת חיים — אן אנווייזונג אין לעבן — אז "היום" איז דאס "לעשותם": כל זמן "נשמה שנתת בי", אז דער אויבערשטער האט אים געגעבן לעבן, און עס איז שוין עלטער פון פופציג יאר, וואס ווערט אנגערופן בשם "עולם", א גאנצע וועלט פאר זיך; און עלטער פון זעכציג יאר, וואס דעמאלט איז ער יוצא פון דעם כלל, כמדובר, וואס אין כאן המקום להאריך בזה; איז דאס "היום לעשותם" — דאס איז א ראיה אז ער דארף טאן ניט ווייניקער פון פריער, ואדרבה, וויבאלד אז זיין גוף איז צוגעקומען נאך א יאר, איז זיכער אז נשמתו עיקר דארף צוקומען נאך מערער וויפל ס'איז צוגעקומען אין דעם יאר פון דעם גוף.

און מיט וואס ווערט באפרידיקט א נשמה? אין וואס באשטייט דער "מאכל ומשקה" פון א נשמה? — פארשטייט דאך יעדער נארמאלער מענטש, אז דאס איז ניט דאס וואס ער וועט האבן א ביסל מערער כסף און א ביסל מערער זהב, אדער א סאך מערער כסף וזהב, וועט ער קנען עסן מערער און טרינקען מערער, און זיך נאכגעבן תענוגים — טאקע אין א כשר'ן אופן, און אין אן אופן אז ניט ער רירט אן א צווייטן'ס, אבער אין וואס באשטייט זיין לעבן? אין תענוג; זאגט מען אים, אז ס'איז גוטע זאך, דער אויבערשטער וויל אז עס זאל זיין "מחלב חטה ומצור דבש אשביעך", אז א מענטש זאל האבן א לעבן אן דאגות, אבער ער דארף זיין אן דאגות אין גשמיות; ברוחניות — טאר ער ניט זיין קיין שמח בחלקו, ער דאך טאר ניט ווערן באפרידיגט מיט די זאכן וואס ער האט געטאן און דערגרייכט ביז וואנעט ער איז געווארן פופציג יאר, ביז וואנעט ער איז געווארן זעכציג יאר, און אזוי ווייטער, נאר אדרבה — "מי שיש לו מנה רוצה מאתים"; אויב דאס איז אזוי אין זאכן פארבונדן מיט גשמיות'דיקע תאוה — איז דאך זיכער אז עס דארף זיין אזוי, און אין א גאר א גרעסערער מאס, אין זאכן וואס זיינען פארבונדן מיט דער נשמה, וואס די נשמה האט קיין הנאה ניט פון כסף וזהב, אכילה ושתיה, דאס איז מערניט ווי א ממוצע כדי זי זאל האבן א חיבור מיטן גוף, און קענען אויפטאן אין ממלא זיין איר שליחות, צו פארשפרייטן געטלעכקייט, וואס דאס איז פארבונדן מיט מענטשלעכקייט, ווארום דאס איז א מענטשלעכקייט מיוסד אויף געטלעכקייט, און טאן דאס אין אן אופן פון "ילכו מחיל אל חיל".

און אז ער זאגט די שאלה: היתכן, ער פילט דאך אז זיינע כחות זיינען צום איין און פופציגסטן יאר ניט ווי ס׳איז געווען בשעת ער איז געווען אלט פופציג יאר, על-אחת-כמה-וכמה ניט ווי ווען ער איז געווען אלט ״בן שלשים לכח״, על-אחת-כמה-וכמה ווען ער איז געווארן איין און זעכציג יאר און נאך עלטער; ענטפערט מען אים — ווי דערמאנט פריער, דעם פתגם הידוע — אז בשעת מ׳איז פארבונדן אויבן אט דעמאלט פאלט מען ניט אונטן, וואס דער פירוש בזה, און דער מיין אין דערויף איז דאך, אז בשעת מ׳פארבינדט זיך מיט א זאך וואס זי געפינט זיך אויבן, מיט א זאך וואס זי איז למעלה מן הזמן ומן המקום — איז אף-על-פי וואס ער געפינט זיך אין זמן און אין מקום, און דער אויבערשטער וויל אז עס זאל זיין א נשמה בגוף, וואס דעמאלט ווערט דאס פארבונדן מיט די באגרענצונגען פון זמן און מקום, אויכעט פון כחות הגוף; גיט אים דער אויבערשטער די מעגלעכקייט ער זאל זיך פארבינדן אויבן, מיטן אויבערשטן, דורך דערויף וואס ער נעמט אויף זיך א הוספה אין אלע זאכן וואס זיינען פארבונדן מיטן אויבערשטן, אנהויבנדיק, אז אויך אין זיי וועט ער דורכפירן דעם אויבערשטן׳ס שליחות, ניט נאר אין די ענינים וואס ער האט געטאן אין זיי נעכטן און היינט אינדערפרי און בייטאג, נאר מכאן ולהבא פארבינדט ער זיך נאך שטארקער מיטן אויבערשטן, מיטן ״אויבן״ — איז א זיכערע זאך, אז ניט נאר ער פאלט ניט אונטן: אז כאטש אפילו ס׳איז געווארן א ירידה כביכול אין זיינע כחות, איז דאס מערניט ווי לעיני בשר, אז מ׳קוקט מיט פליישיגע אייגן און מ׳שאצט דאס אפ לויט די אפשאצונג פון פלייש, קען מען קומען צו אזא מין באשלוס; בשעת מ׳נעמט די פלייש און מ׳פארבינדט דאס מיט ״אויבן״, אין איינפאכע ווערטער: אז בשעת עס קומט צו א מענטשן א טאג, על-אחת-כמה-וכמה עס קומט אים צו א יאר, על-אחת-כמה-וכמה אים קומט צו מערערע יארן — זאגט אים דער אויבערשטער אז דאס איז אן ענין פון ״גבורות״: אז דאס באווייזט אז ער דארף זיך נאכמען שטארקן, ווארום דער אויבערשטער האט אים אזוי געהייסן, און אז דער אויבערשטער הייסט — גיט ער אים כחות אויף דורכפירן דאס וואס דער אויבערשטער האט אים געהייסן טאן, נאר וואס דען — עס דארף זיין ״עמל״, ער דארף ניט זשאלעווען זיין הארעוואניע אויף וויפל עס הענגט אפ אן אים.

און אט דעמאלט איז ״הקב״ה עוזרו״ — העלפט אים דער אויבערשטער אז ער פירט דאס דורך.

ובפרט נאך אז ער איז ניט אליין, נאר ער פארבינדט זיך מיטן אויבערשטן, און דורך דעם אויבערשטן — מיט די מענטשן ארום זיך, ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא פרק ל״ב, אז בשעת מ׳באטראכט זיך אז דער אויבערשטער האט באשאפן דעם צווייטן מענטשן, וואס דארטן ווייס מען ניט פון וועמען איז דער אויבערשטער צופרידן מערער, עס קען גאר זיין אז פון צווייטן איז ער מען צופרידן ווי פון אים.

וואס דאס איז דאך אויכעט וואס מ׳זאגט אויף משה רבינו אז ער איז געוועז ״עניו... מכל האדם אשר על פני האדמה״, זאגט דער אלטער רבי א גוואלדיקן אפטייטש: אפילו פאר די וואס זיינען שייך צו אומות העולם, איז ער אויך געוועזן אן עניו בפני ״כל האדם אשר על פני האדמה״! וואס דאס איז דאך פשוטו של מקרא, און דער אלטער רבי שרייבט דאס, און ס׳איז שוין נעתק און נתפרסם געווארן בכל העולם כולו.

און די עקלערונג אויף דערויף איז, ווי אזוי קען דאס זיין, אז ״משה קבל תורה מסיני״, צוזאמען מיט די ז׳ מצוות בני נח פאר דער גאנצער מענטשהייט, ווי דערמאנט פריער, און ער זאל זיין אן ״עניו״ אפילו פאר איינעם וואס געהערט צו אומות העולם מאיזו סיבה שתהיה, און דער עיקר סיבה — אזוי האט אים דער אויבערשטער באשאפן? ערקלערט דער אלטער רבי אין גאר איינפאכע ווערטער, פארשטאנדיק צו יעדערן: אז ווען דער צווייטער האט אט די מעגלעכקייטן וואס מ׳האט אים געגעבן — וואלט ער נאך אויפגעטאן מערער ווי, כביכול, משה רבינו האט אויפגעטאן מיט זיינע מעגלעכקייטן.

וואס דער אונטערשייד איז דאך דאס וואס דער אויבערשטער האט געגעבן, אבער מצד דעם מענטשן, כאמור, ווי דער אלטער רבי זאגט — אזוי האט מען קיין מעגלעכקייט ניט צו זאגן אזא מין ווארט, אבער דאס זאגט דער אלטער רבי אלס א נשיא בישראל, און אלס א פוסק, סיי אין נגלה דתורה — דורך זיין שולחן ערוך, סיי אין נסתר דתורה — דורך זיין ״תורה שבכתב״, אין תניא, און דורך זיינע מאמרים שבעל פה, וואס זיינען שוין איצטער אויכעט — ״עת לעשות לה׳ הפרו תורתך״ — נתפרסם געווארן און אפגעדרוקט געווארן, איינער פון זיי אויכעט אט דער מאמר.

וואס דאס איז א חלק אין תורה, מלשון הוראה, אן אנווייזונג אויף יעדער מענטשן, אז בשעת ער ווערט עלטער, און דער אויבערשטער גיט אים נאך א יאר, און נאך מערערע יארן — האט דער אויבערשטער, בורא העולם ומנהיגו, וואס ער איז אויכעט בורא האדם ומנהיגו, אנגעזאגט אז דאס איז ״בגבורות״: דאס איז כדי ער זאל זיך נאכמער שטארקן אין די אלע גוטע זאכן וואס ער האט געטאן פריער, און זאל ניט טראכטן, אז וויבאלד אז ס׳איז דא אן אונטן קען ער ח״ו דארט אראפפאלן, ווארום ער איז פארבונדן מיטן אויבן, און דער ״אויבן״ וויל דער אויבערשטער ער זאל דארטן זיין פארבונדן, במילא איז ער ״עוזרו״: אז ער באשליסט אזוי, העלפט אים דער אויבערשטער אז ער פירט עס דורך אין תכלית השלימות, אין דער פולקאמענסטער מאס.

ובפרט נאך, ווי געזאגט פריער, אז ער ווערט אויס יחיד: אט דאס וואס ער איז אלט אזויפיל און אזויפיל יארן, און עס ווייזט זיך אויס, און אים קען זיך אויסווייזן, אז ס׳איז געווארן שוואכער די כחות הגוף — איז דאס אלץ גערעדט געווארן ווען ער טראכט וועגן זיך אלס א באזונדער זאך; ווען ער ווערט א טייל פון די אלע מענטשן ארום זיך, און ווערט פאראייניקט מיט זיי, דורך אבינו שבשמים, דורך דעם אויבערשטן, וואס

ער האט באשאפן "כל האדם אשר על פני האדמה" – איז אז מ'מאכט דעם חשבון כללי פון אלע מענטשן ארום אים, זעט ער, אז עס וואקסט א יוגנט, און עס וואקסט א יונגער דור, וואס זיי זיינען א טייל פון דעם זעלבן גוף פון וועלכן ער איז אויכעט א טייל, איז ניט נוגע אט דאס וואס אים ווייזט זיך אויס, אדער עס קען טאקע זיין אז ס'איז אפשר אזוי, אז ער אלס א יחיד איז געווארן שוואכער – איז אבער א יחיד ביי אידן, איז יעדער יחיד פון א אידן, דערפון אויכעט פארשטאנדיק – ביי דער גאנצער מענטשהייט, וואס זי איז באשאפן געווארן פון אחדות הפשוטה, פון "ה' אלקים אמת", וואס דאס איז ה' אלקים "ממנו נמצאו כל הנמצאים", מיט וועלכן דער "מורה הנבוכים" אין זיין ספר הרמב"ם הויבט אן זיין ספר, און דאס ווערט א טייל און א הלכה – ווי דער גאנצער ספר איז – אז "ממנו נמצאו כל הנמצאים", און לאחר ווי זיי זיינען "נמצאו" – דארפן זיי אנקומען צו דער מציאות פון דעם "מצוי ראשון", פון דעם אויבערשטן, דורך דערויף וואס ער גיט זיי חיים, און גיט חיים צו "כל הנמצאים", און פארלאנגט פון זיי אז זיי זאלן ווערן א "שכם אחד", מיט דער מטרה און דער שליחות "כולם... לעבדו שכם אחד"; אט דעמאלט איז מיט יעדער יאר ווערט מען אינגער, און מיט יעדער יאר ווערט מען שטארקער, "בגבורות", ווארום עס קומט צו אין מעשים טובים.

און ווי גערעדט אמאל בארוכה, אז בשעת מ'פאלט דורך אמאל ח"ו, און מ'טוט א זאך וואס זי איז א מעשה בלתי רצוי, א מעשה בלתי טוב – האט האט די מעשה ניט קיין קיום אמיתי, דאס איז מערניט ווי לפי שעה, ווארום ס'איז א זיכערע זאך אז "אל ידח ממנו נדח", ער וועט זיכער תשובה טאן, איז אט דעמאלט איז ניט נאר אז עס וועט בטל ווערן די מעשה, נאר עס וועט נאך ווערן דורך דער תשובה שלימה וועט די מעשה בלתי טובה נאך ווערן א מעשה טוב.

מה-שאין-כן די מעשים טובים וואס מ'טוט, איז אט דאס ווערט אן אייביקע "נחלה", אן אייביקע אייגענטום פון יעדערן, נוסף וואס דאס איז די אייביקע אייגענטום פון דעם מענטשן וואס האט געטאן די מעשה טוב.

וואס אט דאס ווערט די ערקלערונג בפשטות, אז מ'זאל זיך ניט שרעקן, און ח"ו צו טראכטן וועגן רעטייערן, ווי מ'טייטשט דאס אפ אז מ'דארף זיך וויניקער אפגבן מיט מעשה בפועל, וואס דאס איז היפך פון דער אנווייזונג פון דער תורה, וואס זי זאגט אז "המעשה הוא העיקר", און זאגט דאס אין אן אופן ווי תורה נצחית זאגט – דאס איז אן אייביקע אנווייזונג פאר יעדער מענטשן, אין וועלכן זמן ומקום ער זאל זיך נאר געפינען, איז דאס מיטן גאנצן שטארקייט, מיט די גאנצע "גבורות".

ואדרבה, מ'זאגט אים די הבטחה, אז אויב נאר ער וועט וועלן, און וועט מחליט זיין, און וועט דאס אראפברענגען אין מעשה בפועל – וועט ער האלטן אין וואקסן און אין צוגעבן ניט נאר במחשבה ובדיבור, נאר אויכעט צוגעבן אין מעשה בפועל,

וויבאלד אז דאס איז מעשים טובים באמת, טובים פאר דעם כלל, וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק אז דאס איז די אמת׳ע טובה פאר דעם יחיד.

און אט דעמאלט איז מען ״מכריע״, מ׳וועגט איבער די גאנצע וועלט לצד הטוב, און עס קומט אראפ די טובה אמיתית ועיקרית פאר דער גאנצער וועלט, אז עס ווערט דער ״כולם... לעבדו שכם אחד״, דורך דערויף וואס עס ווערט מקויים בפועל אז ״בניסן הן עתידין ליגאל״: ניסן פון תשמ״ב ווערן די אידן און די אלע פעלקער און די גאנצע וועלט באפרייט פון אלע באגרענעצגען, און מ׳שטייט אין אן אמת׳ע חירות אויף דורכפירן דעם אויבערשטנ׳ס שליחות בעולמנו זה, און טאן דאס מתוך חירות, אין א צושטאנד פון באפרייאונג פון כל ענינים המבלבלים.

און מ׳ברענגט דאס אראפ למטה מעשרה טפחים, כאמור — אין מעשה בפועל, אין אן אופן פון ״גבורות״, ו״כיון דאיפליג איפליג״: אז מ׳מאכט דאס אלץ מערער און אלץ גרעסער און אלץ ברייטער און אלץ טיפער, ווארום מ׳הויבט אן פון דער התבוננות האמורה, ווי געזאגט אין אנהויבס פון סידור און אין אנהויבס פון יעדער טאג גלייך ווי מ׳כאפט זיך אויף: א איד, און אויך אזוי ביי א ניט אידן, דארף ער געדיינקען און נעמען אויף זיך די מלכות פון דעם אויבערשטן, בורא העולם ומנהיגו, וואס אט דעמאלט האט ער א הצלחה׳דיקן טאג, און א הצלחה׳דיקן לעבן, און ברענגט אראפ הצלחה אין דער גאנצער וועלט, ווי געזאגט פריער, אז די גאנצע וועלט ווערט אויסגעלייזט פון די אלע ענינים בלתי רצויים, פון די אלע באגרענצונגען, פון דער גאנצער טומלעניש, וואס מ׳זעט איצטער אין וועלט אז זי שאקלט זיך און טרייסלט זיך, און עס ווייזט זיך אויס אט די וואס גלויבן ניט ח״ו אז דער אויבערשטער איז מנהיג העולם — אז די וועלט האלט זיך אין פאנאנדערפאלן זיך; ווייס מען אז ״גדול הרועה״, אט דער וואס ״פיטערט״ און פירט אן מיט יעדערן, און פיטערט און פירט אן אויך מיט דער גאנצער וועלט, וואס ״לשבת יצרה״ — ער האט איר באשאפן כדי דאס זאל ווערן א מקום ישוב, ו״דבר אלקינו יקום לעולם״, זיכער וועט דאס דער אויבערשטער אויספירן.

ואשרי חלקו ואשרי זכותו פון יעדערן וואס וועט טאן אלץ וואס ער קען טאן אין בייטראגן צו דעם, דורך דערויף וואס ער נוצט אויס זיינע כחות אין אן אופן פון ״גבורות״, און אין אן אופן פון גיין ״מחיל אל חיל״, אז ער טוט אלץ מערער און מערער אין אלע זאכן פון טוב וצדק ויושר, און דעמאלט בענטשט אים דער אויבערשטער, און ווי דערמאנט פריער, ער באפרייט אים פון אנדערע דאגות, און ער בלייבט מיט דער איין און איינציקער דאגה — ווי אזוי בעסער דורכפירן זיין שליחות פון דעם אויבערשטן בעולמנו זו; דאס איז אבער ניט קיין אמת׳ע דאגה, ווארום ער האט בטחון אמיתי אין דעם אויבערשטן, אז אויב נאר ער וועט וועלן און וועט טאן באמת וועט ער זיכער מצליח זיין — הויבט ער אן צו טאן גלייך ביים אנהויבס מיט א מארש של נצחון, ווי דער אנהויבס אויכעט פון דעם מזמור, כאמור, ״הרנינו לאלקים עוזנו״: דער

איבערשטער גיט יעדערן דעם גאנצן עוז און שטארקייט, און מ'דארף דאס אויפנעמען מיט "הרנינו", בשמחה ובטוב לבב.

און אט דעמאלט ווערט ווי דער משל ודוגמא הידועה פון נשיא דורנו פון רבי'ן דעם שווער, וואס ער האט געזאגט אז ס'איז מנהג העולם – וואס דאס איז אבער א מנהג אן אנגענומענער – אז בשעת מ'גייט ארויס במלחמה, איז גלייך ביים ארויסגיין גייט מען מיט א "מארש", מיט א ניגון של נצחון.

וואס לכאורה ווערט דאך די שאלה: "אל יתהלל חוגר כמפתח", ער גייט ערשט אנהויבן די מלחמה? איז דער ביאור בזה, אז כדי מ'זאל זיין זיכער אז מ'וועט מנצח זיין – דארף מען שטארק זיין אין בטחון, גלייך נאך, נאך איידער מ'גייט צו דער מלחמה, אז ס'איז א זיכערע זאך, אויב נאר ער וועט וועלן, וועט ער זיכער מנצח זיין, איז דאס פון תכסיסי מלחמה, אויף אויפשטעלן דעם וואס געהערט צו דעם צבא ער זאל זיין דער ריכטיקער חייל, ווארום ער גייט "מחיל אל חיל".

און דאס פארזיכערט אים דעם נצחון עד כדי כך, אז עס ווערט אן אימה ופחד אויף די אלע ניט גוטע זאכן מיט וועלכע ער דארף מלחמה האבן, אז זיי הויבן גאר מלכתחילה ניט אן מיט מלחמה, נאר "תפול עליהם אימתה ופחד", ווארום דאס איז "בגדול זרועך": ניט ח"ו ער גייט "כחי ועוצם ידי", נאר דאס איז פון "זרועך" פון דעם אויבערשטן, וואס ער האט אים געמאכט פאר א שליח אויף דורכפירן די שליחות אז עס זאל זיין אנטפלעקט "ה' אחד ושמו אחד" אין דער גאנצער וועלט, און אין אן אופן פון "דרכיה דרכי נועם", ווארום ער גיט לויט די אנווייזונגען פון דער תורה, פון די שבע מצוות בני נח, און פאר אידן – דורך תרי"ג מצוות, און ביי יעדערן פון זיי – מיט די אלע סעיפים און מיט די אלע פרטים.

וואס אט דעמאלט פירט מען דורך די שליחות מתוך שלום אמיתי, ווי געזאגט פריער – "לא ישא גוי אל גוי חרב", "וכתתו חרבותם לאיתים": מ'וועט נוצן די ענינים וואס אזוי האט מען געטראכט אז מ'וועט זיי דארפן נוצן במלחמה – וועט מען זיי נוצן מ'זאל קענען זייען און וואקסן דער "חלב חטה", ווי דערמאנט פריער.

וואס ווי דאס איז א שליחות צו אלעמען, אזוי איז דא א שליחות צו יעדערן בפני עצמו, ווי שוין גערעדט און געבראכט אין מפרשים, אז די עשרת הדברות, וואס דערמיט האט זיך אנגעהויבן מתן תורה, זיינען געזאגט געווארן בלשון יחיד, "אנכי ה' אלקיך"; ניט "אלקיכם", און אזוי אויכעט די ווייטערדיקע פסוקים, וואס דאס אונטערשטרייכט אז דאס איז געזאגט געווארן צו יעדערן באזונדער אלס א יחיד, און דאס איז פארבונדן ווארום דאס איז געגעבן געווארן פון דעם וואס האט אים – ווי ער זאגט אין דעם המשך – ארויסגענומען מארץ מצרים, און אזוי ווי ער האט אים ארויסגענומען מארץ מצרים בפשטות ובגשמיות, האט ער אים ארויסגענומען על-אחת-כמה ברוחניות.

און דאס ווערט דערנאך א הוראה תמידית אין טאג-טעגלעכן לעבן, אז מ׳פארבינדט זיך מיט ״אנכי ה׳ אלקיך״, ווי דער אפטייטש פון ״אלקיך״ ווי דער דין אין שולחן ערך, אז אלקים איז פארבונדן מיט דעם כח ויכולת וואס דער אויבערשטער גיט אריין אין דער וועלט און אין יעדער זאך וואס געפינט זיך אין וועלט, ניט ח״ו ״כחי ועוצם ידי״; אט דעמאלט ווערט דער ״הרנינו לאלקים עוזנו״: מ׳גייט אין דער מלחמה מיט ״הרנינו״, מיט א ״מארש״ של נצחון.

און עס ווערט דער ״תקעו בחודש שופר״, ווי אפגעטייטש פון ר׳ סעדיה גאון ובכמה ספרים, אז דאס מיינט מען א רמז אויפן שופר וואס מ׳בלאזט בשעת מ׳איז ממליך א מלך.

וואס דאס איז א טעם פארוואס מ׳זאגט דאס אין צוזאמענהאנג מיט ר״ה, וואס דעמאלט ווערט דער אויבערשטער ״תמליכוני עליכם״, ״מלך ישראל וגואלו״, און צוזאמען דערמיט – ״מלוך על העולם כולו בכבודך״, ביז וואנעט אז ״ידע כל פעול כי אתה פעלתו״, וועט דאס וויסן זיין יעדער זאך וואס דער אויבערשטער האט דאס באשאפן.

און מתוך שמחה וטוב לבב, כאמור, ווערן בטל, ״ידמו כאבן״, די אלע זאכן וואס זיינען מבלבל דערצו, און עס ווערט די הליכה אין די אלע פעולות ומעשים טובים, אנהויבנדיק פון דער התבוננות שקודמת לזה, ווי דערמאנט פריער.

און מ׳שטעלט אויף די גאנצע וועלט, נאך קודם ביאת משיח, אז זי זאל זיין ראוי און צוגעגרייט אויף אויפנעמען משיח׳ס אויפפירונג, וואס ער וועט דאך אנפירן מיט דער גאנצער וועלט, ״והיה צדק אזור מתניו״, מיט די אלע ברכות והצלחות און אנווייזונגען, ביז ״וגר זאב עם כבש״, ווי דער רמב״ם טייטשט דאס אפ אין הלכות מלכים ומלחמותיהם – און וואס בהשגחה פרטית איז געבליבן בפי כל העם כולו, אז ניט מ׳דערמנט דעם ווארט ״מלחמותיהם״; מ׳רופט דאס אן בשם ״הלכות מלכים״ – און דאס ווערט דורכגעפירט, ווי דער רמב״ם טייטשט דאס אפ, ברוחניות: ״וגר זאב עם כבש״, אז אלע פעלקער לעבן צווישן זיך בשלום, און ווי ער שרייבט אויך אין זיין אגרת תחיית המתים, אז דאס האט ער געשריבן אלס א זיכערע זאך, ווארום דאס איז א הלכה מוכרחת; אויב אבער עס וועט דערנאך ווערן די ראיה אז דאס איז אויכעט כפשוטו, נעמט ער אן אויכעט אז דאס איז כפשוטו: ״וגר זאב עם כבש״, שלום אויכעט צווישן חיות בפשטות.

און ס׳איז דאך אנגעקומען דער בירור לאחרי זה, אין מפרשי הרמב״ם, אנהויבנדיק שוין פון רמב״ן, ביז תורת הקבלה און תורת החסידות, אז נוסף אויף דעם ענין ווי דאס איז ברוחניות – איז אויכעט דא דער בירור וואס דער רמב״ם דערמאנט אים שוין אין אגרת תחיית המתים, אויכעט אז דאס ווערט מקוים כפשוטם של כתובים.

און לויט די הוראה אז "ערב שבת" — וואס גאולה ווערט דאך אנגערופן בשם "שבת" מכל המזיקין — איז שוין "ערב שבת", איז א דין אין תורה, פארזוכט מען פון די מאכלים וואס מ'עסט זיי בשבת, און ניט נאר פון איין מאכל; נאר פון "כל תבשיל ותבשיל", ווי דער לשון אין אלטן רבי'נס שולחן ערוך.

וועט מען זוכה זיין, דורך דער הוספה אין די אלע דערמאנטע זאכן, אין אן אופן פון "גבורות", אז מ'וועט טועם זיין היינט, על-כל-פנים ניט שפעטער ווי דער מארגן — ניט דארפן אנקומען צו "יש מחר לאחר זמן" — אויכעט פון דעם תבשיל און פון אלע "תבשילים" פון לעתיד לבא, נאך זייענדיק אין דעם "היום לעשותם".

און דאס זאל נאכמער צוגעבן אין דער עשיה, ווי דער רמב"ם איז מבאר אין הלכות תשובה בארוכה, אז די אלע טובות גשמיים ויעודים גשמיים וואס דערמאנט אין תורה, איז דער תכלית זייערע איז — כדי מ'זאל נאכמער טאן און רואיקער טאן אין אלע ענינים פון תורה ומצוותיה; וועט מען דאס דורכפירן בפועל במעשה, וועט דאס נאכמער צוזיילן דעם מעשה הכי טוב והכי עיקרי והכי נחוץ והכי הכרחי בימינו אלו, ווען "החושך יכסה ארץ וערפל לאומים" — אז עס קומט משיח צדקנו, "היום אם בקולו תשמעו", "היום" ממש, און עס ווערט דער "אור עולם", "לכו ונלכה באור הוי'", ליכטיקייט וואס איז פארבונדן מיט געטלעכקייט, מיט דעם אויבערשטן, במהרה בימינו ממש, ובלשון הרמב"ם — "מיד הן נגאלין".

• • •

**שיחה ד':**

ווי דערמאנט פריער בנוגע צו "המעשה הוא העיקר", דארף מען דאך דאס פארבינדן: ס'איז דאך דא כמה וכמה "מעשים טובים", ווי דערמאנט פריער, אז יעדער מענטש האט בחייו כמה וכמה פרטים וואס ער דארף דורכפירן, וואס דערפאר איז אויכעט זיינע צרכים, בגשמיות, אויכעט פאנאנדערגעטיילט אויף כמה וכמה פרטים, ווארום דאס איז "נשתלשלו מהן": אזוי ווי ער דארף דורכפירן א סך זאכן במעשה בפועל ברוחניות — גיט מען אים אויכעט און מ'פארבינדט דאס מיט א סך צרכים אויכעט בגשמיות.

איז אין דערויף גופא טיילט פאנאנדער "תורת חיים" — וואס זי ווערט אנגערופן אזוי, ווארום דאס איז אן אנווייזונג אין טאג-טעגלעכן לעבן — אז אין מצוות ומעשים טובים איז דא אויכעט דער ענין שהזמן גרמא, אז אלע מעשים זיינען טאקע "מעשים טובים"; אין דערויף גופא איז דא דער "דין קדימה" — בלשון המדינה, "פראיארעטי" — צו די זאכן וואס זיי זיינען "הזמן גרמא": וואס די צייט פאדערט אז מ'זאל דאס ניט אפלייגן אויף מארגן, ניט אפלייגן אפילו אין דעם זעלבן טאג אויף שפעטער, אויב ער קען דאס טאן גלייך על אתר.

וואס איינע פון די זאכן, כאמור, איז דער ענין החינוך: ווי גערעדט מערערע מאל, אז דער יונגער דור וואס וואקסט — דער יונגער בפשטות און דער "יונגער" אין ידיעות — איז ער שטייט ניט און ווארט, און יעדער רגע וואס ער וואקסט פאדערט ער אז מ'זאל אים געבן דעם חינוך אין דעם רגע, כדי ער זאל וויסן זיין ווי אזוי זיך אויפצופירן אין דעם רגע שלאחרי זה, און אויב מ'גיט דאס אים ניט — ווערט פארלארן אט דער חינוך וואס מ'האט אים געדארפט ממלא זיין אין דעם רגע, ווארום אז מ'וועט אים מחנך זיין מארגן און איבערמארגן — איז "דיו שיפקיע את עצמו": מ'זאל אים געבן דעם חינוך וואס מ'דארף אים געבן אין דעם טאג שלאחרי זה, און ס'בלייבט ניט קיין צייט אויף ממלא זיין דאס וואס מ'האט געדארפט אויסנוצן די צייט פון א טאג פריער אויף אים מחנך זיין.

אויב דער מחונך פארלאנגט דאס ניט — איז שלא כדעת הטועים, אז וויבאלד ער פארלאנגט דאס ניט איז א סימן אז ער דארף דאס ניט; דאס איז פונקט פארקערט: אויב ער פארלאנגט ניט אז מ'זאל אים מחנך זיין — אט דאס איז ערשט דער הכרח הכי גמור, אז אים פעלט אינגאנצן דער חינוך, עד כדי כך איז ער ניט מחונך, אז ער פילט גאר ניט אז אים פעלט חינוך הדרוש.

אין חינוך גופא איז דאך דא אויף פארשידענע ערליי אופנים: צום אלעם ערשטן אויף באווייזן א לעבעדיקן ביישפיל — וואס דאס איז דער בעסטער וועג איינצווווירקן אויף א צווייטן, בשעת ער זעט אז ארום אים, ובפרט דער מחנך, פירט זיך אין דעם אופן וואס ער פארלאנגט אז ער זאל זיך פירן.

ואדרבה, ווי מ'זעט בטבע האדם, ווי דער אויבערשטער האט באשאפן א מענטשן, איז כדי צו פועל זיין ביים מחונך א באשטימטע מאס פון מעשים טובים — דארף דער מחנך באווייזן א ביישפיל פון א סך מערער, ווארום דער מחונך טראכט ביי זיך, אז ער קען ניט זיין פונקט אינגאנצן ווי דער מחנך, בשעת דער מחנך איז עלטער פון אים, און ער איז א מחנך, און דאס רעדט זיך מערניט וועגן א מחונך, ובתחילת החינוך.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אויף צו פועל זיין מעשים טובים בשלימותם ביים מחונך — דארף זיין דער לעבעדיקער ביישפיל פון מחנך כמה פעמים ככה.

וואס דאס איז, כאמור, דורך דער ערשטער זאך אין חינוך — באווייזן א לעבעדיקן ביישפיל.

דערנאך דארף מען מיט אים רעדן און מחנך זיין אים בדיבור, אין אן אופן פון "דברים היוצאים מן הלב", וואס דעמאלט אז "יוצאים מן הלב" — איז דעמאלט "נכנסים אל הלב ופועלים פעולתם", ווי געבראכט אין ספר הישר לרבינו תם, ובכמה מקומות, און דער עיקר — ווי מ'זעט דאס ב"מעשה רב", במעשה בפועל.

אין דערויף גופא פון באווייזן א לעבעדיקן ביישפיל, איז דאך דא אויכעט די ביישפילן וואס זיי זיינען פארבונדן מיט ענינים שהזמן גרמא: בשעת מ'שטייט געציילטע טעג פאר חג הפסח, וואס די התחלה פון די אכט טעג פסח הויבט זיך אן מיטן "סדר", און דער סדר הויבט זיך אן מיט דער הכרזה פון "כל דצריך" ו"כל דכפין" וועט מען באווארענען אז זיי וועלן האבן צרכי החג – איז דאך פארשטאנדיק ומובן בפשטות דער דין וואס שטייט בפירוש אין שולחן ערוך, אז שוין "שלשים יום לפני החג", ובפרט נאך שבת הגדול, וואס שבת הגדול איז דאך יעדער חכם בעירו ובמקומו האט דאך געהאלטן די דרשה צו די אלע וואס געפינען זיך בשכונתו ובקהילתו אין ענינים פארבונדן מיט "הלכות החג", אנהויבנדיק פון "קמחא דפסחא"; איז דער ענין ש"הזמן גרמא" – אויף זוכן, און ס'איז דא לײדער נאך אידן וואס ביי זיי איז נאך ניט בשלימות די ענינים פון "צרכי החג", און איילן זיך אז זיי זאלן באקומען, און באקומען דאס ביד רחבה ובסבר פנים יפות – די אלע ענינים וואס זיי דארפן האבן, כדי דערנאך זאל ביי זיי זיין אמת'ע "מועדים לשמחה".

וואס דאס איז דאך געזאגט געווארן אויף אלע ימים-טובים, על-אחת-כמה-וכמה אויף חג הפסח, וואס מ'זאגט דאך בתפילה, אז דאס איז "זמן חירותנו", איז דאך דאס זיכער כולל, אז מ'זאל זיין באפרייט פון אלע דאגות: וואו וועט מען נעמען אויף הוצאות החג אויפן צווייטן טאג אדער דעם דריטן טאג וכו' – ווארום שוין בשעת ער דאוונט מעריב בהתחלת פון ימי הפסח, זאגט ער "זמן חירותנו": מ'האט ביי אים אינגאנצן צוגענומען די דאגות פון צרכי החג, ווארום מ'האט דאס באווארנט "שלשים יום לפני החג", על-כל-פנים שבועיים לפני החג, לויט דער דיעה פון ר' שמעון בן גמליאל.

על-אחת-כמה-וכמה אז מ'שטייט אין מוצאי שבת הגדול, וואס דאס איז דאך דער יום ראשון לאחרי שבת הגדול, על-אחת-כמה-וכמה אז מ'שטייט שוין אין דער נאכט וואס זי געהערט צו א טאג און צוויי טעג נאך שבת הגדול.

איז אט דארט וואו מ'האט דאס נאך ניט אפגעטאן און אויפגעטאן בשלימות – איז דאס איז א מבצע שהזמן גרמא, און ב"המעשה הוא העיקר" – אז דער צווייטער זאל דאס באקומען, העלפט ניט אין דערויף אלע ערליי מחשבות, און ס'העלפט ניט אין דערויף דיבורים; דאס דארף ארויפקומען במעשה בפועל.

און כדי יענעם – דעם צווייטן – זאל דאס איינגיין, ווי דער דין אין שולחן ערוך – מוז דאס געטאן ווערן בסבר פנים יפות, מיט נדיבות הלב, וואס דאס פועל'ט אויכעט נדיבות היד, אז ער גיט ביד רחבה.

און ס'איז א זיכערע זאך, אז ח"ו ביי אים וועט גארנישט ניט פעלן דורך דעם; אדרבה – דער אויבערשטער באצאלט אים כמה פעמים ככה – אין צוגאב צו דעם שכר רוחני

וואס ער האט, וואס ער האט דורכגעפירט דעם אויבערשטנ׳ס שליחות – ווארום צרכי החג פאר יעדער אידן דארף צושטעלן דער אויבערשטער.

ווי מ׳זאגט דאס אין דער ברכת הזן בתחילתו, ״הזן את כל העולם כולו בטובו בחן ובחסד וברחמים״ – ״כל העולם כולו״: אלע מענטשן וואס געפינען זיך אין דער וועלט, אויכעט די חיות וצומח, און די צרכים וואס ס׳איז דא ביי א דומם, וואס ווי ס׳שטייט אין כתבי האריז״ל האט דאך א דומם אויכעט א נפש הדוממת, און זי האט אויכעט דעם כח אלקי וואס איז איר מהוה, און דערנאך אויכעט מחיה און מקיים.

וואס דאס איז, כאמור, הויבט מען אן דערמיט די הודאה אויף אכילה, אויף ״ואכלת ושבעת״, וואס דערנאך דארף קומען דער ״וברכת״ על כל העולם כולו.

און בשעת ער שטעלט צו צרכי החג פון די ענינים פון די זהב וכסף וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן – האט ער אים מלכתחילה געגעבן כפתגם הידוע, אז ער פירט דורך די שליחות אויף אפגעבן דעם חלק פון דעם חבר וואס ס׳איז ביי אים געלעגן בפקדון פון דעם אויבערשטן, האט ער אויפגענומען דעם פקדון און דורכגעפירט די שליחות און האט דאס אפגעגעבן צו דעם צו וועמען דאס געהערט מלכתחילה, נאר ער האט געהאט דעם זכות אויף צו דורכפירן און זיין שלוחו של הקב״ה.

ומ״מבצע״ ל״מבצע״ – צו כל המבצעים, אנהויבנדיק פון די מבצעים וואס זיי זיינען במיוחד פארבונדן מיט חג הפסח: דער ענין פון ״כשרות האכילה ושתיה״, וואס זיי זיינען דאך ביתר שאת וביתר עוז אין שמונת ימי הפסח.

און מ׳האט דאך אין דערויף אויכעט א שכר וואס מ׳געפינט דאס ניט ביי קיין ענין אחר, ווי ס׳איז געבראכט אין אחרונים פון אחרוני הפוסקים, אז ״איתא בכתבי האריז״ל״, אז דער וואס איז נזהר פון משהו חמץ בימי הפסח – איז ״מובטח לו״ אז ער וועט האבן א יאר אן עוונות, און אן ענין של חטא.

און ניט ח״ו מ׳נעמט ביי אים צו די בחירה – דאס איז די גרעסטע מעלה וואס א איד האט, וואס א מענטש האט, וואס ער איז א בעל בחירה, ״הן האדם היה כאחד ממנו... ״; נאר האבנדיק די בחירה, אף-על-פי-כן האט ער זוכה געווען און מ׳גיט אים מלמעלה די באווארעניש פון ״לא יאונה לצדיק כל און״.

און וואס טוט דאס אויף? – אט דאס וואס ער האט געהאט די כשרות האכילה ושתיה מיטן הידור, אז ער איז געווען נזהר אפילו ממשהו חמץ.

על דרך זה אויכעט פירט מען דאך ארייִן דעם יום-טוב דורך הדלקת נרות יום-טוב, און נאך מיט א ברכה נוספת, די ברכת ״שהחיינו״.

וואס דאס איז דאך די שליחות מיוחדת וואס איז געגעבן געווארן לנשי ובנות ישראל: אף-על-פי וואס אפילו מלכתחילה – און אויב ס׳איז ניטא קיין אנדער אופן – צינדט דאס אן דער בעל; אבער דערנאך האט מען אין דערויף מייחד געווען און אויסגעקליבן די נשי ובנות ישראל, אנהויבנדיק גלייך – כמדובר כמה פעמים – ווען הגיעה לחינוך: ווען א קליינע מיידעלע פארשטייט, אדער מ׳קען איר געבן צו פארשטיין, על-כל-פנים בכללות הענין, די זאך פון אנצינדן א נר יום-טוב, און זי בענטשט און מאכט די ברכה פון יום-טוב, און די ברכה, ווי ביי פסח, אין ימים ראשונים – א טאג נאך א טאג, די ברכה פון ״שהחיינו״, און מ׳טייטשט איר אפ: אז זי דאנקט דעם אויבערשטן, וואס דער אויבערשטער האט אונז געמאכט לעבעדיק, און האט אונז געגעבן דעם קיום, און האט אונז צוגעבראכט צו אט דער צייט, אז מ׳קען מקיים זיין דעם אויבערשטנ׳ס א ציווי און אן אנזאג אויף מאכן ליכטיק אין הויז, א ליכטיקייט וואס אלע זען זי אפילו בעיני בשר, און וואס היט אויס – ווי דער לשון אין שולחן ערוך – ״שלא יכשל בעץ או באבן״, אז מ׳ווערט ניט געשטרויכלט אין קיין זאך וואס געהערט ניט צו אט דער הויז, ווארום ס׳איז ניט גוט פאר דער הויז – פארשטייט מען דאך די התלהבות און די שמחה וואס ס׳איז דא ביי דער קליינער מיידעלע, ווי אזוי זי מאכט דעם ״שהחיינו״ בשמחה ובקול רם, בהוספה צו דער ברכה שלפני זה פון ברכת היום-טוב.

און אויכעט, דורך דערויף ווערט נאך ניתוסף אין אירע מחנכים ומחנכות, לכל לראש – דער פאטער און די מוטער.

ועל-דרך-זה אויכעט אין די אנדערע ענינים: אנהויבנדיק פון ״אהבת ישראל״, ווי דערמאנט שוין כמה פעמים – אז דאס איז אויכעט אונטערשטראכן אין התחלת ה״סדר״, אז בשעת מ׳הויבט אן דעם סדר איז מען מבאר, אז ״כנגד ארבעה בנים דיברה תורה״: אז ביים סדר קלייבט מען צוזאמען, און דאס געהערט צום אפריכטן דעם סדר, איז א איד אנגעזאגט געווארן, ער זאל צוזאמענקלייבן סיי דעם ״אחד חכם״ סיי אט די אלע וואס ווערן דערנאך אויסגערעכנט.

און ער זאל וויסן זיין אז ״דיברה תורה״ – דאס איז א הוראה און אן אנווייזונג וואס תורה האט אים אנגעזאגט, און מ׳רעדט וועגן די אלע פיר קינדער, ניט ווארטן ביז וואנעט זיי וועלן ווערן אלע אין דעם סוג פון ״אחד חכם״, און ער וועט אפלייגן ח״ו דעם ״סדר״, אדער ער וועט פראווען דעם סדר פאר זיך, אן זיי; זאגט מען אים – ״דיברה תורה״: דו ווילסט פראווען דעם סדר – האט תורה מיט דיר גערעדט און דיר אגנעזאגט, און געגעבן דיר כוחות, אז דו זאלסט צוזאמענקלייבן דעם ״אחד חכם״ מיט די אלע דריי איבעריקע סוגים.

און בשעת דו וועסט פאלגן די תורה, און דו וועסט זיי ערקלערן וואס די הגדה איז, און ווי תורה האט געגעבן די שליחות, ״מצוה לספר ביציאת מצרים אותו הלילה״ – וואס לכל מוני המצוות איז דאס איינע פון די רמ״ח מצוות עשה, מה-שאין-כן דער

ענין פון "מזכירין יציאת מצרים בכל יום", כפי שיתבאר לקמן — אט דעמאלט האט מען די הבטחה, אז ער האט די אלע פיר סוגים ביי זיך ביים סדר, און ער פראוועט דעם סדר "כהלכתו", איז ער מסיים דעם סדר, און אט דעמאלט זיינען מכריז אלע פיר סוגים צוזאמען, בקול אחד ובבת אחת ובנוסח אחד ובסגנון אחד, אז "לשנה הבאה" ווינטשן זיי זיך — און ס׳וועט זיכער אזוי זיין, און מ׳זאגט דאס בלשון של ודאי — אז מ׳וועט זיין "בירושלים".

און ניט ח"ו אז מ׳וועט דארפן ווארטן ביז דעם נעקסטן יאר; איצטער לעבט מען מיט דעם "לשנה הבאה בירושלים" וואס מ׳האט געזאגט אין די סדרים פון תשמ"א, וואס כל ישראל איז דאך "בחזקת כשרות", האבן זיי זיכער ממלא געווען אויכעט די הוראה פון "דיברה תורה" — צוזאמענקלייבן די אלע ד׳ סוגים; האבן זיי דעמאלט מכריז געווען — מתוך אהבת ישראל, כולם כאחד מיטן זעלבן סגנון, "לרעך כמוך" — "לשנה הבאה בירושלים": אז דעמאלט איז מען מצליח און דער אויבערשטער איז מקיים הבטחתו, ווי דער רמב"ם זאגט — "הבטיחה תורה" אז "בסוף ימי הגלות ישראל עושין תשובה ומיד הן נגאלין", איז דער אויבערשטער מקיים זיין הבטחה פון "מיד הן נגאלין", פראוועט מען "נאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים" פון פסח פון תשמ"ב אין בית המקדש, אין "מקדש א-דני כוננו ידיך", אין ירושלים עיר הקודש בשלימותה, וואס זי איז דער "קרית מלך רב", די "עיר הבירה" פון ארץ ישראל בשלימותה.

און מ׳פראוועט דארטן בעליה לרגל פון כל העם בשלימותו: אז מ׳איז עולה לרגל אפילו קטנים וקטני קטנים, וויבאלד אז מ׳טוט כל הענינים בהידור.

ובפרט נאך לויט מנהג העולם האט מען גאר קיין ברירה ניט: אז ס׳איז עולה לרגל דער בעל, און ס׳איז עולה לרגל די אשה — וואס נשים זיינען דאך אויכעט איינטייל אין פסח, צי רשות צי חובה; אבער "רשות" איז דאך אויכעט עושין ברכה כמנהג ישראל, כדעת רבינו תם, מיט די גאנצע שקלא וטריא — קען מען ניט לאזן די קטני קטנים פאר זיך, און זיי זיינען אויכעט עולה בעליה לרגל תיכף כשנולד! אפילו נאך קודם ש"יכול לעלות ברגלו להר הבית", ווארום די מוטער איז דארטן, און דאס איז א קינד וואס ער איז "צריך לאמו".

האט מען דעם שלימות העם, צוזאמען מיט שלימות הארץ, צוזאמען מיט שלימות התורה — מ׳איז מקיים מצוות, ווי געזאגט פריער, בשלימות ובהידור.

וואס דאס קומט דערנאך אראפ, כאמור לעיל, מיט דעם "מבצע חינוך".

און תורה, און תפילין, וואס "הוקשה כל התורה כולה לתפילין", און בשעת מ׳האט געגעבן תפילין בפעם הראשונה — האט מען דאס פארבונדן מיט "זכור את היום הזה אשר יצאתם ממצרים", און געזאגט, אז דאס איז "תורת ה׳" — "הוקשה כל התורה כולה לתפילין" — אלע מצוות.

על-אחת-כמה-וכמה ענין המזוזה, וואס זי איז דאך – ווי דער מיטעלער רבי ברענגט אראפ אין סידורו – איז זי שקולה כנגד כל המצוות.

און נאך מערער, ווי פארשטאנדיק בפשטות – אז זי היט אפ דעם אידן, מיט זיין בית, מיט אלע זאכן וואס געפינען זיך אין בית.

און ווי ס'שטייט אין זהר, אז בשעת מ'האט א מזוזה על פתחו – אט דעמאלט ווערט "ה' ישמר צאתך ובואך... עד עולם": אפילו ווען ער גייט ארויס פון דעם בית, און ס'דארף געווערן א זמן ביז ער וועט קומען, "בואך" – איז די מזוזה וואס ער האט על פתח ביתו היט אים אויכעט אין דעם "צאתך", און היט אים "עד עולם" – א פעולה נמשכת.

על-אחת-כמה-וכמה דער ענין פון צדקה, וואס "גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה" – אויכעט די גאולה וואס "בניסן הן נגאלין".

וואס דאס איז דאך פארבונדן מיט "וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם", וואס ווי ער זאגט אין נבואת יחזקאל, איז דאס איז די הקדמה צו גאולה העתידה לבוא, וואס דאס איז דאך דער ענין הפעולה און דער מבצע פון טהרת המשפחה.

און צוזאמען מיט די אלע מעשים טובים פון די אלע ענינים האמורים, קלייבט זיך צוזאמען א "רכוש גדול", וואס דעמאלט איז "כימי צאתך מארץ מצרים" – וואס נאך "ועבדום ועינו אותם", וואס מ'מאטערט זיך אין גלות ניינצן הונדערט יאר, מיט נאך און נאך ! וואס קיינער פארשטייט ניט וואס איז דער טעם בזה.

די הסברה, אז ס'איז קיין פלא ניט וואס מ'פארשטייט ניט דעם אויבערשטנ'ס דרכים – איז א הסברה איז דאס ; בשעת אבער א זאך טוט ווי, איז פועל זיין אז ס'זאל ניט ווי טאן – איז דערווייל האלט מען נאך ניט דערביי, והראיה, אז מ'זאגט אז ווען וועט זיין "אודך ה' כי אנפת בי", מ'וועט דאנקען דעם אויבערשטן פאר דעם כעס פון דעם גלות ? – וועט דאס זיין לאחרי ביאת משיח צדקנו.

און איצטער איז מידי יום ביומו איז מען מתפלל "את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח" – ניט סתם "תצמיח" אין "אחרית הימים" וואס ס'וועט זיין מארגן אדער איבערמארגן אדער ח"ו נאך שפעטער ; נאר "מהרה תצמיח".

"ולישועתך קוינו כל היום": אז אף-על-פי וואס ס'איז שוין דורכגעגאנגען עטלעכע שעה פון טאג "ועדיין לא בא", מ'האט נאך אפילו ניט געהערט אליהו הנביא'ס בשורה טובה אז מארגן קומט ער – איז "לישועתך קוינו כל היום": אז מ'האפט, אז דאס וואס מ'האט געזאגט אין מעריב אז "לישועתך קוינו כל היום", וועט דאס נאך מקויים ווערן דעם טאג ממש.

און די קשיא: וואו איז אליהו הנביא? – זאגט אויף דערויף די גמרא, אז אפשר איז ער שוין געקומען אין "בית דין הגדול", נאר דא האט מען נאך ניט געהערט.

ועוד והוא העיקר, אז קיינעם וועט ניט ארן טאמער וועט זיין די קשיא, און מ'וועט דארפן פרעגן ביי אליהו הנביא, וואס "תשבי יתרץ קושיות ואבעיות" – וואס דאס איז דאך דער ראשי-תיבות פון "תיקו", כמבואר בספרים – וועט צוקומען נאך א "תיקו" וואס אליהו הנביא וועט זיכער אויכעט פותר זיין... דער עיקר איז – אז ס'זאל זיין דער עיקר בפועל, כאמור לעיל – דער דבר הכי מוכרחי, אז נאך דעם "ועבדום ועינו אותם" העכער ניינצן הונדערט יאר, און מ'האט שוין דעם "רכוש גדול" פון תורה ומעשים טובים פון יעדער אידן און פון אלע אידן, און פון אלע אידן צוזאמען – זאל זיין אין די לעצטע רגעים פון גלות "ולכל בני ישראל היה אור במושבותם", ו"מיד הן נגאלין" – אז מ'גייט ארויס פון גלות אין אן אופן פון "ביד רמה", און "והיו מלכים אומניך ושרותיהם מניקותיך", און ווי ער זאגט אין נבואת הגאולה אין זכריה, אז זיי ברענגען את ישראל – אידן – ווי מ'ברענגט א מנחה "בכלי טהור", במהרה אין ארצנו הקדושה, בגאולה האמיתית והשלימה, במהרה בימינו ממש.

לחיים.

• • •

**שיחה ה':**

מ' האט דאך פריער גערעדט וועגן דעם ענין הזמן גרמא, וואס דאס איז די הכנות צו "זמן חירותנו", צו חג המצות, וואס די הכנה דארף דאך זיין "מעין" – ענלעך צו דער זאך צו וועלכע מ'גרייט זיך, ווי פארשטאנדיק בפשטות.

וואס פסח האט דאך אין זיך – אז גלייך "ממחרת השבת", גלייך נאך דעם ערשטן טאג פון פסח, קומט א זאך וואס דאס קומט אלס א המשך דערצו, און וואס דאס איז פארבונדן מיט יציאת מצרים, און דאס איז – דער ענין פון ספירת העומר, "וספרתם לכם ממחרת השבת".

און ווי תורה טייטשט דאס אפ, תורה שבעל פה, אז דאס גייט "ממחרת" פון דעם יום ראשון של פסח.

און דאס האט א שייכות מיוחדת צו דעם ענין פון יציאת מצרים, ווי עקלערט אין סיום פון מסכתא פסחים אין ר"ן, אז "איתא באגדה", אז ווי קומט דער ענין פון ספירת העומר? האט זיך דאס אנגעהויבן, אז בשעת אידן זיינען נאך געווען אין גלות מצרים, האט דער אויבעשטער דעמאלט געזאגט צו משה רבינו אז "בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה" – אז ארויסגייענדיק פון מצרים וועט מען גיין דינען דעם אויבערשטן ביים בארג סיני, "ההר הזה" – ווארום דאס האט דער אויבערשטער

געזאגט משה רבינוביים בארג סיני, פריער, נאך איידער ער איז געקומען אנזאג בשורת הגאולה — און האט אים געזאגט אז די יציאת מצרים איז פארבונדן, און ווי רש"י טייטשט דאס אפ, אז דאס איז דער "זכות" וואס "הוציאך את העם ממצרים", מ'גייט ארויס פון מצרים — ווארום מ'גייט על מנת, און מיט דער כוונה און מיט דער מטרה, מיט דעם ציל, אז מ'זאל דינען דעם אויבערשטן "על ההר הזה"; זאגט ער אין ר"ן אז "איתא במדרש", אז גלייך ארויסגייענדיק פון מצרים האבן אידן אנגעהויבן ציילן די טעג: אז ס'איז שוין דורכגעגאנגען א גאנצער טאג זינט מ'איז ארויס פון מצרים, ווען וועט מען שוין אנקומען צו "תעבדון את האלקים על ההר הזה"? וואס דאס איז געווען גלייך ביום אחד לעומר, גלייך "ממחרת הפסח": ערשט ארויס פון מצרים בחמשה עשר בניסן, איז גלייך האט מען זיך שוין ניט געקענט דערווארטן, און מ'האט שוין אנגעהויבן ציילן "יום אחד לעומר" — שוין דורכגעגאנגען א גאנצער מעת לעת און מ'שטייט נאך ניט הערן די עשרת הדברות און מקבל זיין תורה פון דעם אויבערשטן?! און אזוי אויכעט איז געווען אויף מארגן "שני ימים לעומר", און ווי מ'פרעגט דאך אין דערויף די שאלה: ס'האט דאך געדארפט שטיין דער לשון "יום שני לעומר", דאס איז דאך א טאג פאר זיך, ניט קיין צוויי טעג, נאר דער טאג איז דער צווייטער טאג, ניט איין טאג? על-דרך-זה "יום שלישי", ניט "שלשה ימים"; דער נוסח ווי כנסת הגדולה — וואס דאס איז דער תורה שבעל פה — האט איינגעשטעלט פאר אידן, אז מ'זאל זאגן "שני ימים לעומר".

און מ'ערקלערט דעם ביאור אין דעם: אז בשעת עס איז געקומען דער צווייטער טאג, איז ניט נאר אז אידן האבן געהאט די בענקשאפט פון איין און איינציקן טאג, נאר א גרעסערע בענקשאפט פון דעם ערשטן טאג, ווארום ס'איז שוין א צווייטער טאג; נאר זיי האבן געהאט אין צוגאב צו דער בענקשאפט פון דעם יום שני — האבן זיי אויך געהאט די בענקשאפט פון דעם "יום אחד".

על-דרך-זה אויכעט אין "שלשה ימים" — האבן זיי געהאט אין צוגאב צו דער בענקשאפט, וואס ווי מ'זעט בטבע האדם אז עס גייט דורך גאנצע דריי טעג — בענקט ער שטארקער צו דער גוטער זאך ווי ער האט געבענקט ווען ס'איז דורכגעגאנגען מערניט ווי צוויי טעג, אדער איין טאג; דא איז ביי אידן געווען די בענקשאפט אזוי גרויס — אז ס'איז געווען "שני ימים לעומר": די בענקשאפט פון א צווייטן טאג, און אויך די בענקשאפט פון דעם "יום אחד".

און אזוי איז דאס געווען ביום השלישי — איז דאס געווארן א בענקשאפט פון "שלשה ימים", און אזוי פון טאג צו טאג, "ילכו מחיל אל חיל" אין דער תשוקה פון תורה.

וואס דאס, כאמור, איז פארבונדן מיט יציאת מצרים, וואס פסח איז פארבונדן מיט יציאת מצרים, און וואס גאנץ חודש ניסן איז פארבונדן מיט יציאת מצרים.

ובמיוחד אז מ׳קומט פון שבת הגדול, וואס דעמאלט איז שוין געווען די התחלה פון גרייטן זיך צום קרבן פסח, ״משכו וקחו לכם צאן״, וואס דאס איז געווען ״בעשור לחודש״.

ובפרט ווי די קביעות פון היינטיקן יאר, אז עס קומט צוזאמען – ״בעשור לחודש״ מיט שבת הגדול.

הויבט זיך שוין דעמאלט אן אויכעט די צוגרייטונג, צוזאמען מיט דער צוגרייטונג צו חג הפסח, עניני פסח – אויכעט צו דעם ענין מיוחד פון עניני פסח, וואס דאס איז די תשוקה צו תורה און צו אידישקייט, אין אזא מין תשוקה וואס הולך ומוסיף.

די שאלה ווי אזוי איז שייך זאגן תשוקה, ער האט דאך שוין מקבל געווען תורה אינדערפרי, ווען ער האט געזאגט ברכת התורה, ״נותן התורה״ – לשון הוה? איז דאך לערנען אין תורה, וואס זי איז ״אין סוף״, ווארום זי איז געגעבן געווארן פון דעם אויבערשטן, וואס דער אויבערשטער איז אין סוף – איז וויפל מ׳לערנט ניט אין איר, איז דאך דאס אלץ במדידה והגבלה: ער האט געלערנט אזויפיל וויפל א מתמיד קען אפלערנען אין די אלע יארן וואס ער האט געלעבן עלי אדמות זינט ער האט אנגעהויבן לערנען תורה ווען ער איז געווען אלט נאך גאר קליינוויז אויף, ״משהתינוק מתחיל לדבר אביו מלמדו תורה״.

און אזוי ווי ער איז אן ״עם חכם ונבון״ – האט ער געלערנט בהתמדה ושקידה; אבער די התמדה ושקידה זיינע איז אויכעט מוגבל לויט די כחות האדם – ווי דער סיום פון רמב״ם אין הלכות מלכים: ״כפי כח הנבראים״, כפי כחות האדם – איז וויפל ער האט ניט געלערנט, אפילו ״שבעים שנה ואם בגבורות שמונים שנה״, און האט געלערנט בהתמדה ושקידה – איז דאס אלץ אן ענין וואס מ׳קען דאס אפמעסטן במדידה והגבלה.

און דאס איז א כלל אין חכמת החשבון און אין הגיון, און פארשטאנדיק אויך אין שכל הפשוט – אז ווי גרויס א דבר א מדוד ומוגבל איז, איז ער כלא חשיב לגבי אן ענין בלתי גבולי: אז מ׳זאל נעמען דעם מספר הכי גדול פון אלף אלפים וריבוא רבבות, און מ׳וועט דאס פארגלייכן צו אלף אלפים וריבוא רבבות פון אלף אלפים וריבוא רבבות – פארשטייט מען דאך אז עס האט לגמרי קיין חשיבות ניט און קיין ערך ניט.

במילא אז מ׳זאגט אים, אז אף-על-פי וואס ער האט געלערנט תורה בהתמדה ושקידה, און ערשט היינט אינדערפרי האט ער געמאכט די ברכה ״נותן התורה״ – לשון הוה, און האט דערנאך גלייך געלערנט תורה, אנהויבנדיק פון ברכת כהנים, און דערנאך דער חלק אין תורה שבעל פה, און דערנאך די שיעורי תורה במשך כל היום כולו – איז בכל רגע פון דעם טאג, אז ער כאפט זיך אז תורה איז ״שעשועים לפניו״, און ״קדמה לעולם״, און ״ארוכה מארץ מדה ורחבה מיני ים״, בלי גבול ובלי סוף

ממש – פארשטייט מען דאך ווי אזוי – געהערנדיק צו "עם חכם ונבון" – וואס פאר א תשוקה און א בענקעניש עס ווערט ביי אים אין תורה, אף-על-פי וואס ער האט ערשט א געלערנט אן ענין אין תורה, און ער האט אים געלערנט לאשורו ולבוריו.

וואס דאס איז דער לימוד, כאמור, פון ספירת העומר, אין די ימי ההכנה צו פסח בכלל, וואס איז אויכעט כולל הכנה צו ספירת העומר.

וכמדובר כמה פעמים, אז פונקט אזוי ווי יציאת מצרים פייערט מען – איז מען חוגג – בעיקר אין ימי הפסח, איז דאך "מזכירין יציאת מצרים בכל יום", און יעדער טאג – "ביום ובלילה", נאר דער עיקר איז – און תוספת כח באקומט מען פון – פסח; אט אזוי איז אויכעט די לימודים וואס מ'האט פון ימי ספירת העומר, מיט דער תשוקה שבדבר, די לימודים און נתינת כח וואס מ'האט אויכעט פון ימי ההכנה צו ספירת העומר – איז דאס על מנת אז דאס זאל געבן כח אין כל ימות השנה, אז מ'זאל שטיין אין אזא מין תשוקה צו ענין התורה, ו"גדול לימוד שמביא לידי מעשה", תורה מלשון הוראה – קיום המצוות בהידור, און אין א תשוקה וואס "מעלין בקודש", פון טאג צו טאג ווערט זי אלץ מערער און גרעסער, אז "יום אחד" ווערט דערנאך "שני ימים", "שלשה ימים", ווי דערמאנט פריער.

ובהאמור קומט נאך צו א לימוד נפלא, וואס דאס איז גאר נוגע בעיקר ובעיקר, און אויכעט כל ימות השנה: ס'איז דאך "אין ענין יוצא מידי פשוטו" – דער ענין פון ספירת העומר באשטייט אז ער ציילט טעג.

ניט ער ציילט מעשים, ניט ער ציילט דיבורים, ניט ער ציילט מחשבות; ער ציילט טעג! ס'איז איין טאג, דערנאך איז דורכגעגאנגען נאך פיר און צוואנציק שעה – ציילט ער און זאגט אז ס'איז שוין צוויי טעג, און דערנאך דורכגעגאנגען נאך פיר און צוואנציק שעה – ציילט ער און זאגט אז דאס איז "שלשה ימים".

וואס לכאורה, "אין ענין יוצא מידי פשוטו": בשעת ער איז מכוון פירוש המילות, איז נאך איידער ער קומט אז דאס איז "לעומר" – איז וואס באשטייט די מצוה? באשטייט די מצוה אויף ציילן טעג! וואס דאס איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: מ'באטראכט זיך אין וואס באשטייט די זאך פון ציילן, בפשטות, איז דאס איז – צו באווארענען ער זאל ניט פארלירן, מ'זאל ביי אים ניט קענען צונעמען, און ער זאל וויסן וואו ער האלט, כדי ער זאל קענען עפעס אויפטאן מיט דער זאך; די איין און איינציקע זאך, לכאורה, אין וועלט וואס א מענטש האט אויף דערויף קיין שליטה ניט, ניט מ'קען דאס ביי אים צונעמען, ניט ער קען דאס פארלירן, און ניט ביי אים קען צונעמען – איז דאס די זאך פון זמן.

בשעת עס גייט דורך א רגע און א מעת לעת – איז ער אינגאנצן קיין בעל-הבית ניט; צי דער מעת-לעת וועט דורכגיין צי ניט דורכגיין – הענגט ניט אפ אן אים! "עולם

כמנהגו נוהג״, און דער אויבערשטער האט איינגעשטעלט אז ״לא ישבותו״, האט דער אויבערשטער איינגעשטעלט אז עס גייט א רגע נאך א רגע, ניט מער און ניט ווייניקער, ניטא קיין צוויי רגעים בבת אחת, און ניטא אז א רגע זאל גיין פארלארן, ווארום תורת אמת זאגט אז דאס איז ״לא ישבותו״.

פרעגט א ״חכם ונבון״ א שאלה: וואס קומט צו פון ציילן? ניט ער קען דאס פארלירן, ניט אימעצער קען דאס ביי אים צונעמען, ניט ער קען אין דערויף מוסיף זיין? אף-על-פי-כן זאגט תורה אז ס׳איז א מצווה, און א איד איז אין דערויף מחויב, אויף ציילן טעג! וואס דער ביאור בזה איז, אז די טעג האבן אין זיך א תכלית, וואס דא איז דער תכלית – ״לעומר״: דערמאנען זיך אז מ׳האט געבראכט א מנחת עומר מיט אלע פרטים שבדבר, און אויב ער ציילט ניט דעם טאג ״לעומר״ – פארלירט ער דעם טאג! וואס דערפון איז א מוסר השכל און א מוסר נפלא און א מוסר הכי הכרחי: אז בשעת א איד קוקט אויפן זייגער, און דאס גיט אים ניט א טרייסל אז עס גייט דורך א רגע וואס ער קוקט אויפן זייגער און טוט גארניט – איז דאס ניט דער פשט אז ער האט געקענט טאן א מצוה און ער האט ניט געטאן; דאס האט ער פארלארן את דעם רגע! מ׳האט אים געגעבן דעם רגע, ״לעמל יולד״: ער זאל דורכפירן דעם אויבערשטנ׳ס שליחות, דורך דערויף וואס ער וועט מאכן פון דעם רגע אז דער רגע וועט ווערן א זאך א לעבעדיקע, א זאך וואס האט אין זיך אן אינהאלט, האט אין זיך אן אינהאלט – פארבונדן מיט דעם וואס האט באשאפן זמן.

ווי תורת המגיד, ווי געבראכט ומדובר, אז דאס איז אויכעט א יסוד ומובן פון תורה בכמה מקומות – אז פונקט ווי אלע נבראים האט דער אויבערשטער באשאפן זמן, און דער אויבערשטער ״לא ברא הקב״ה דבר אחד בעולמו לבטלה״, איז בשעת דער אויבערשטער באשאפט דעם רגע, וואס ס׳איז דאך ״המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית״, ווי תורת הבעש״ט אין שער היחוד והאמונה בארוכה – אז יעדער רגע ווערט באשאפן פון דאס ניי גאנץ מעשה בראשית, אויכעט די עצם מציאות הזמן; האט דער אויבערשטער געמכאט יעדער מענטשן, ובפרט א אידן, פאר א שליח, ער זאל ציילן די טעג: אז יעדער טאג זאל זיין פארבונדן מיט א מעשה טוב, אין דעם ענין, אין דעם זמן – פארבונדן מיט ״לעומר״, אין כללות הזמן – פארבונדן מיט ״אדם לעמל יולד״.

און בשעת ער זאגט אז עס שטייט אין ספרי מוסר אז ״אדם דואג על איבוד דמיו ואינו דואג על איבוד ימיו״ – איז דאס ניט דער פשט אז מ׳זאגט דאס כדי מ׳זאל וויסן אז אזוי דארף זיין ח״ו; מ׳זאגט דאס מיט א מחאה הכי תקיפה: היתכן? אז מה דאך אז מ׳דאגה׳ט על איבוד דמיו – איז על-אחת-כמה-וכמה אז עס דארף זיין די דאגה על איבוד ימיו! די טענה אז ער האט גארנישט ניט פארלארן – איז קיין טענה ניט: ער האט פארלארן א טאג פון זיינע לעבן, וואס דאס האט געקענט זיין א יום שלם, ״בא

בימים", ווי עס שטייט ביי דעם ערשטן אידן – "ואברהם זקן בא בימים": טייטשט ער אפ אין זהר, אז אברהם איז געקומען מיט אלע זיינע טעג – יעדער טאג האט ער געהאט וואס צו באווייזן, אז דאס איז געווען א טאג וואס ס'איז ניכר אז דאס איז אברהם העבריי'ס א טאג! און דערנאך ווערט ער אנגערופן בשם "אבות", וואס "ירושה לנו מאבותינו": פונקט אזוי ווי פון "אברהם אוהבי" – אהבה מסותרת וואס איז דא בירושה ביי יעדער אידן, אבער יעדער איד איז מחוייב און דארף דאס ארויסברענגען, אז פון דער אהבה מסותרת זאל ווערן "עבדו" – אז עס זאל ווערן אן אהבה בגלוי, און וואס ברענגט לידי מעשה בפועל; אט אזוי איז אויכעט האט מען בירושה פון אברהם אבינו דעם כח, וואס דאס מאנט אויף יעדער אידן: ער זאל וויסן זיין אז ער דארף זיין "בא בימים", און דער טאג דארף זיין א יום שלם.

און אז עס גייט דורך א רגע אין דעם טאג וואס דעמולט איז געווען "מעשיך" און "דרכיך", ס'איז אבער ניט געווען, ח"ו, "בכל דרכיך דעהו" און "כל מעשיך לשם שמים" – האט ער ניט אט דעם רגע און אט דעם טאג, דאס איז ניט זיין רגע, ס'איז ניט זיין טאג; דאס געהערט צו "לא ישבותו" פון דער וועלט, דאס איז אבער ניט אברהם אבינו'ס טאג, דאס איז ניט א טאג פון א אידן וואס ער איז בן בנו של אברהם אבינו, און דארף ממלא זיין "יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה'" – אז זיי וועלן גיין אין דער וועג ווי דער אויבערשטער האט אנגעוויזן, דורך פירן זיך ווי אברהם אבינו האט זיי געלערנט און זיי מחנך געווען.

און בשעת עס פעלט אין די ימים פון א אידן, איז אט דעמאלט, כביכול, רירט דאס אן אין די שלימות פון די אבות וואס זיי זיינען דאך "בכל צרתם לו צר": ווי מ'זעט דאס ביי אן אב בפשטות, אז אים ווייטיגט אט דאס וואס עס פעלט ביים זון, ביים קינד, וואס דער קינד איז ניט בשלימות ווי ער וואלט געדארפט זיין, ווי ער האט געקענט זיין.

על-אחת-כמה-וכמה – "אין קורין אבות אלא לשלשה", די עיקר אבות איז אברהם יצחק ויעקב.

איז דאך פארשטאנדיק אז בשעת מ'פארלירט א רגע, מ'פארלירט – על-אחת-כמה-וכמה – א גאנצן טאג, דורך דערויף וואס מ'האט זיי ניט אנגעפילט מיט אן אינהאלט פון גוטסקייט, וואס דאס איז פארבונדן מיט אידישקייט, וואס דאס איז פארבונדן מיט געטלעכקייט, וואס דערפאר איז דאך אברהם נקרא "עברי": וואס "כל העולם מצד אחד", און "אחד היה אברהם" – ער איז געווען פון דער צווייטער זייט; די גאנצע וועלט קען זיך פירן, איז דאס איר ענין, אבער ער דארף טאן "מצד אחד": מיטן "אחד" פון "ה' אחד", און דאס איז "אחד היה אברהם".

און דאס הויבט זיך אן מלכתחילה פון דעם ערשטן טאג, ביז אפילו אין א רגע פון דעם טאג, איז ווען איז א יום שלם? ווען אלע רגעים זיינען גאנץ אין דעם טאג, אז ניט – איז דאס פיר און צוואנציק שעה חסר רגע אחד, איז דאס ניט קיין יום שלם.

און וויבאלד אז מ׳מאנט דאס ביי א אידן – גיט מען יעדן אידן כח ער זאל דאס דורכפירן בפועל, ובפרט נאך אז עס קומט די טעג וואס מ׳לערנט די הלכות פון ספירת העומר, וואס דאס איז דאך אין כלל פון ״הלכות החג״, וואס מ׳האט זיי אנגעהויבן לערנען פון ״שלשים יום לפני החג״, פון ימי הפורים, וואס ״דתיהם שונות מכל עם״, און זייענדיק ״מפוזר ומפורד בין העמים״ זיינען זיי ״ישנו עם אחד״: דאס איז א מציאות, און א יש, און א מציאות פון א נשמה בגוף, אבער אין וואס פאר אן אופן איז דאס? אז דאס איז א ״גוי אחד בארץ״! לערנען אט די הלכות פון הלכות ספירת העומר, אויף וויפל מ׳דארף דאגה׳ן וועגן ״איבוד ימיו״, און דאגה׳ן אז יעדער רגע זאל זיין אנגעפילט מיט אן אינהלט.

און ניט טראכטן זיך, אז אויב ניט איצטער האט ער צייט ״מחר לאחר זמן״, אדער על-כל-פנים מחר בפשטות, אדער על-כל-פנים דעם זעלבן טאג מיט א רגע שפעטער – זאגט מען אים, אז דעמאלט האט ער פארלארן דעם רגע, דאס איז ״איבוד ימיו״, און דערנאך ווערט די שאלה, אז ס׳איז א גאנצער טאג איז דאס ניט קיין גאנצער טאג, דאס איז א יום חסר.

וואס דאס איז, כאמור, דער לימוד נפלא אין די טעג, אנהויבנדיק פון פורים, ווען מ׳הויבט אן לערנען הלכות פסח, כולל אויכעט הלכות ספירת העומר: הויבט מען אן לערנען, און דער לימוד מביא לידי מעשה, אז דאס דארף אראפקומען במעשה בפועל – זיך מתבונן זיין אין דער טייערקייט פון יעדער רגע, אז דאס זאל באקומען אן אמת׳ן אינהאלט, אן אינהאלט וואס איז פארבונדן מיט דער אמת׳ער מציאות, מיט אמיתית המציאות, וואס דאס איז געטלעכקייט ביז עצמות ומהות.

און אראפברענגען דאס אין ״המעשה הוא העיקר״: אנפילן די רגעים און די שעות און די טעג מיט א תוכן אמיתי, מיט אן אמת׳ן לעבעדיקן אינהאלט.

וואס דאס איילט נאך מערער צו דעם ״אחשינה״, וואס דעמאלט וועט מען זען אז ״וראו כל בשר יחדיו כי פי ה׳ דיבר״: ווי אזוי יעדער זאך ווערט באלעבט פון דעם אויבערשטן, כולל אויכעט די מציאות הזמן, נוסף אויף די מציאות פון דעם אדם וואס ער דארף לעבן דעם לעבן ווי אנגעוויזן אין דער תורה.

און טאן דאס מתוך שמחה וטוב לבב, וואס דאס איז נאך מוסיף מער הצלחה אין די אלע ענינים האמורים.

און מ׳גרייט זיך, מתוך שמחה וטוב לבב, צו דעם רגע לאחרי זה, צו טאן ברוח ובתוכן האמור, און דערנאך באופן דמוסיף והולך, מעלין בקודש, ביז וואנעט מ׳שטעלט אויף

אלע טעג, און מ'גייט מיט זיי צוזאמען, "בא בימים", בדוגמא ווי ס'איז געגאנגען דער ערשטער איד בימיו, "אחד היה אברהם" – אזוי גייט מען א נשמה בגוף; צי יעדער נאכט ווען מ'גיט אפ דעם חשבון פארן טאג, "בידך אפקיד רוחי", גיט ער אפ א חשבון צדק אז די אלע רגעים פון דעם טאג איז ביי אים געווען לעבעדיקע רגעים, א לעבעדיקער טאג.

און אויף אזא מין אופן גרייט ער זיך אויכעט אז עס זאל זיין א לעבעדיקער שלאפן, ווי עס שטייט אין פרקי דר' אליעזר אז בלילה איז "הנשמה עולה למעלה ושואבת חיים": דאס איז ניט א זאך וואס שלאפט; דאס שלאפט א טייל, כדי דער עיקר פון דעם מענטשן זאל קענען שואב זיין חיים, זאל אנשעפן זיך מיט א נייעם לעבן, וואס דאס זאל סטייען אויף דעם גאנצן טאג שלאחרי זה, אז ער עס זאל זיין נאך מערער לעבעדיקער ווי קודם השינה.

ווי מ'זעט דאס אויכעט בפשטות, אז בשעת מ'איז אויסגעשלאפן, איז אט דעמאלט קען מען טאן מיט מער מרץ און מיט מערער חיות בכל ענינים של מעשים טובים.

און בשעת מ'זאגט דעם "בידך אפקיד רוחי" מיטן חשבון צדק כדרוש, און דער חשבון איז ווי עס דארף צו זיין – איז אט דעמאלט איז ער "המאיר לעולם כולו בכבודו", און מ'האט א ליכטיקן שלאפן, און א ליכטיקע הכנה ליום שלאחרי זה.

ביז וואנעט אז דאס ווערט א שלאפן בדוגמא ווי ס'איז געווען "תעבדון את האלקים על ההר הזה": איז דאך די לילה לפני זה, וואס די אידן האבן שוין דעמאלט געהאלטן נאך ספירת העומר בשלימותה, און מ'איז געווען צוזאמען מיט משה רבינו – האבן זיי שלאפן, כדי דערנאך שואב חיים זיין, א חיים נוסף, ווארום מ'דארף מקבל זיין תורה מיט א הוספה, ביז א נייע לעבעדיקייט לגמרי.

על-דרך-זה זאל אויך זיין דער שלאפן ביי יעדערן און ביי אלעמען, אין אזא מין אופן – פון "אל יבהלוני" בפשטות; מאי קא משמע לן – נאר עס זאל זיין דער "מאיר לעולם כולו בכבודו", און אין אן אופן אז "שואב חיים מלמעלה".

און עס זאל זיין דערנאך נאך א גערעסערער לעבן אין דעם טאג שלאחרי זה, ווארום מ'איז מסיים די לילה אין אן אופן מתאים, מיט אלע החלטות טובות.

וואס דערפאר איז אויכעט דערנאך – "ושכבת וערבה שנתיך": אז דערנאך האט מען א שינה ווי עס דארף צו זיין, אף-על-פי וואס "אני ישנה – בגלותא", איז דאס ניט ח"ו א שלאפן פון גלות, נאר א אידישער שלאפן, פון "שואב לו חיים", פון תורת חיים ומצוותיה עליהם נאמר "וחי בהם".

און ווי מ'זעט דאס אויכעט בפועל, ווי דערציילט פון רבינו נשיא דורנו, אז די וואס שלאפן ווי עס דארף צו זיין – איז בשעת השינה ווערט ביי זיי נתחדש ענינים אין

תורה, און ווי פארשטאנדיק פון דעם סיפור — אין אלע ענינים פון תורה, אנהויבנדיק פון עיקר התורה, לשון הוראה — וואס איז נוגע צו דעם אופן קיום המצות, כדי "גדול לימוד שמביא לידי מעשה".

וואס כאמור, דאס איז א סיפור איבערגעגעבן צו יעדערן פון אונז, כדי דאס זאל ווערן א הוראה פאר יעדערן פון אונז, וואס זיכער האט מען געגעבן שוין די כחות ער זאל דאס דורכפירן בפועל — אז עס זאל זיין א לעבעדיקער טאג, מיט אלע רגעים פון טאג לעבעדיקע, על-דרך-זה אויכעט די נאכט, כולל אויכעט די צייט פון דער נאכט וואס ער שלאפט, איז דאס אויכעט א לעבעדיקער שלאף — "שואב חיים", און נאכמערער: ער איז נאך שואב חיים — נוסף אויף דער צייט פון דעם שלאפן — אויך אויף דער צייט שלאחרי זה, ווי דער ענין איז בפשטות.

און אט דעמאלט שטעלט מען אויף, כאמור, דעם רכוש גדול, און עס ווערט פארענדיקט דער גלות, ווארום עס איז שוין מער ניטא וואס אויפצוטאן; ס'איז שוין דא דער רכוש גדול, וואס דאס איז די איינציקע זאך וואס איז מעכב די גאולה, ווי דערציילט "כימי צאתך מארץ מצרים": אז מ'האט געבעטן דעם אויבערשטן מ'זאל שוין ארויס, האט דער אויבערשטער געזאגט אז מ'דארף מקיים זיין ניט נאר דעם "ועבדום וענו אותם", נאר אויך מקיים זיין "ואחרי כן יצאו ברכוש גדול"; לאחר פון ניינצן הונדערט יאר און מערער זייענדיק אין גלות, און אף-על-פי-כן איז "לא נסו" און מ'האלט זיך שטארק ביי אידישקייט, און דאס קומט אראפ אין תורה ומצוות, ביז וואנעט אז מ'האט א "רכוש גדול": וכמדובר כמה פעמים, וויפל מ'וועט דאס נאר וועלן אפשאצן, איז ווערט דאס א דבר מדוד ומוגבל — קען מען דאס ניט אנרופן "גדול", ווארום אז מ'וועט מוסיף זיין נאך עפעס ווערט די זאך א קטן לגבי יענע זאך, וואס דאס גופא איז א הוכחה אז מ'האט אויפגעטאן א רכוש גדול וואס אין למעלה מזה, לויט די טעג, וואס דא איז, כאמור, ניינצן הונדערט יאר אין חושך כפול של הגלות, און וואס "אני ישנה — בגלותא", און אף-על-פי-כן איז "לבי ער — לתורתו", און ווי ער זאגט אויכעט אין מדרש — "למצותיו": מ'האט מקיים געווען מצות און געלערנט תורה און אויפגעשטעלט "הם הכירוהו תחלה" — "צבאות השם", אידישע קינדער וואס לערנען תורה און זיינען מקיים מצות, און וואס אין זיי וועט מקויים ווערן — "כימי צאתך מארץ מצרים" — "הם הכירוהו תחלה": אז עס ווערט פארענדיקט דער גלות "כהרף עין", ובבת אחת, ובחסד וברחמים, בדרכי שלום ובדרכי נועם, ו"מיד הן נגאלין", "והם הכירוהו תחלה" — תינוקות של בית רבן, ועל-דרך-זה אויכעט מיידעלעך וואס לערנען דאך די הלכות וואס זיינען שייך צו זיי, כמבואר אין הלכות תלמוד תורה — בחותם פון פרק ראשון — פון דעם אלטן רבי'ן; גייען זיי בראש פון די "צבאות השם", וואס דאס איז "יצאו על צבאותם" — דער גאנצער אידישער פאלק און יעדער איד, ובראשם "צבאות השם" פאר בר-מצוה און פאר בת-מצוה, און אף-על-פי-כן האבן זיי זיך מתנדב געווען און זיינען אריין אין צבא השם, ובלשון המדרש — וואס רש"י

ברענגט דאס אראפ — אז "ראוי הוא לגיונו של מלך" אז ער ווערט נמנה, מ'דארף ניט ווארטן ביז ער איז "יוצא צבא בישראל", נאר גלייך ווי ער גייט ארויס פון דעם חשש אינו רצוי — וואס יעדער איד איז דאך בחזקת כשרות — ווערט ער גלייך געציילט אין "צבאות השם".

און עס ווערט דער "והם הכירוהו תחלה": אז מ'טרעפט זיך מיט "שב ה' אלקיך את שבותך", און ווי די גמרא טייטשט דאס אפ — אז דער אויבערשטער גייט צוזאמען מיט יעדער אידן און מיט אלע אידן, "ואתם תלוקטו לאחד אחד" — איז "הם הכירוהו תחלה", און זיי מאכן נאך ליכטיקער ביי זייערע עלטערן, די הכרה פון די עלטערן.

און מ'גייט צוזאמען מיט "אור ה'" אין א ליכטיקן אופן — "וביד רמה", אין גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו, וואס ער וועט פארענדיקן און "קץ שם לחושך" פון דעם חושך הגלות, און עס הויבט זיך אן גלייך די אתחלתא דגאולה, און גלייך צוזאמען "כהרף עין", די גאולה שלימה, ווי ס'איז געווען ביי "ימי צאתך מארץ מצרים", ובמהרה בימינו ממש.

• • •

## שיחה ט

אזוי ווי כמדובר בתחלת ההתוועדות — איז דאך די תודה מקרב ולב עמוק, אט די אלע וואס האבן זיך מטריח געווען און זיך משתתף געווען, און מ'איז געזעצן שעות ארוכות אין דער התוועדות, וואס ס'איז דא אזוינע וואס ווילן דאס פארבינדן מיט א כבוד פון א פרט אדער פון א יחיד, בה בשעה כמדובר לעיל — דאס איז פארבונדן מיטן ענין פון תורת חב"ד און תנועת חב"ד ופעולות חב"ד, במעשינו ועבודתינו, וואס דער עיקר הפועלים בזה — זיינען די אנשי חיל, נאך ניט אזוי די מפקדים, ווי ער איז מבאר באריכה אין דעם המשך פון הילולא, כמדובר כמה פעמים.

אף-על-פי-כן, אפילו אז מ'איז געקומען לשם נאך א כוונה, אדער צוליב יענער כוונה וכו' — איז דאך דאס אויכעט פארבונדן מיט א כבוד של פלוני בן פלוני, איז דאך דא דער ענין פון הכרת טובה.

די הכרת טובה דארף דאך אבער זיין מעין פון דעם ענין פאר וועלכן מ'איז מכיר טובה, וואס ס'האט זיך גערעדט, אז דער עצם ענין וואס מ'קלייבט זיך צוזאמען, ווערט דאס א כינוס פון "עמך כולם צדיקים", וואס "כינוס לצדיקים הנאה להם והנאה לעולם", וואס דאס איז פארבונדן לפני זה מיט א כינוס אין עניני תורה, פארבונדן, ווי גערעדט פריער, אז יעדער איד האט אן אות אין איינע פון די ספרי תורה כלליים, וואס אלע ספרי תורה כלליים זיינען איין ספר תורה, "תורת אחת", ביז די ספר תורה וואס זי האט משה רבינו געשריבן, "כתבו לכם את השירה הזאת", האט דאך משה דער

ערשטער דאס מקיים געווען, בהוספה און דערנאך, נאך צוועלף ספרי תורה, כמדובר כמה פעמים.

וואס דאס איז פארבונדן אויכעט: אין תורה גופא – איז דאך דא ווי תורה איז פארבונדן מיט חילוקי דיעות ומחלוקת ורמינהו וכו׳, וואס דאס איז, בכללות, נגלה דתורה; דערנאך איז דא – ווי ער זאגט – דער ״בהאי ספר דיליה דביה יפקון בי ישראל מבי גלותא ברחמין״, פנימיות התורה, וואס דארט איז ״לית מחלוקת ולית רמינהו וכו׳״, וואס דאס איז אחדות אין ״תורה אחת״ עצמה, וואס דאס איז דער א ענין פון פנימיות התורה.

וואס דערפאר איז אויכעט געווען די השתדלות: אין פנימיות התורה עצמה איז דאך דא ווי יעדערער לערנט פאר זיך, און יעדערער האט דאך דעם ספר פאר זיך.

בשעת מ׳וועט אפדרוקן דעם ספר פון פנימיות התורה וואס ער איז שייך לכל אחד ואחת, ווארום דאס קומט אראפ אין חכמה בינה ודעת, ביז וואנעט אז דאס ווערט א ״יחוד נפלא שאין יחוד כמוהו נמצא כלל״, און מ׳וועט דאס אפדרוקן בכל מקום וואו עס געפינט זיך א איד, אפילו ווען דאס איז בקצה הארץ.

און מ׳וועט אפדרוקן דעם זעלבן ספר התניא, מיט די זעלבע חלקים, מיטן זעלבן נוסח, מיט דער זעלבער תכלית – אז מ׳זאל וויסן זיין אז ״קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו בעזר ה׳ יתברך״ – וואס דאס איז דאך דער לשון פון דעם אלטן רבי׳ן – וועט דאס גופא מאחד זיין, און מאחד זיין דורך פנימיות התורה, אף-על-פי וואס יעדערער וועט לערנען במקומו – איז דאך במחשבתו אז מ׳לערנט דעם זעלבן ענין, און ער איז זיך מתאחד מיטן זעלבן ענין וואס א צווייטער איד פארבינדט זיך מיט א ״יחוד נפלא״ – ווערן די אידן צווישן זיך צוזאמענגעבונדן.

מ׳דארף דאך אבער צואיילן ביאת משיח צדקנו – איז געווארן נאך א הצעה און א סברא: אז מ׳זאל אין דעם זעלבן תניא אפדרוקן די אלע תניא׳ס וואס מ׳האט געדרוקט בכל קצוי תבל.

וואס די אלע תניא׳ס זיינען דאך גלייך אין אלע זייערע חלקים א חוץ דעם שער-בלעטל.

במילא דארף מען האבן א תניא וואס אין אים וועט זיין צוזאמענגעקליבן אלע שער-בלעטלעך פון די אלע תניא׳ס וואס מ׳האט געקענט צו זיי דערגרייכן, וואס דעמאלט וועט די התאחדות און דער איחוד און דער יחוד – מיט א יו״ד – פון אלע אידן, ווערן נאכמער בגלוי ובמוחש.

און בשעת מ׳האט אט דעם תניא מיט אלע שערים, און ער האט דאס ביי זיך, און דאס ווערט רכושו, און נכסיו, און ער לערנט דאס און לעבט דערמיט ״חיי נפשו״ –

פארבינדט ער זיך, דורך די שערים, מיט די אלע תניא׳ס וואס זיינען אפגעדרוקט בכל מקומות אלו, און דורך דערויף — מיט די אלע אידן וואס לערנען דעם תניא כל אחד ואחד במקומו.

וואס דאס איז נאך טיפער, על-כל-פנים לפי עניות דעתי, אין דעם ענין פון ניט נאר איחוד כל ישראל, נאר, יחוד — מיט א יו״ד — פון כל ישראל למקטנם ועד גדולם, וואס צו אלע פון זיי איז דאך שייך דער לימוד התורה, ובדרך ממילא — אויכעט דער לימוד התניא.

און ווי דערציילט פון נשיא דורנו, אז בשעת מ׳האט אים אנגעהויבן באווייזן צורת האותיות — דערציילט מען אזוי — האט מען אים באוויזן די צורת האותיות פון א ״שער״ פון תניא, אדער אינעווייניק אין תניא.

וואס דערפאר, איז בשעת מ׳וויל אויסדריקן א הכרת תודה לכל אחד ואחת אויף דעם ענין וואס מ׳האט זיך צוזאמענגעקליבן, מיט א מטרה אז עס זאל זיין דער יחוד, און דאס זאל פועל זיין אויך אויף די וואס בגופם זיינען זיי ניט דא, אז זיי זאלן זיך אויכעט מאחד זיין — וויל מען דאס פארבינדן מיט דער נתינה פון דעם תניא, און וויבאלד אז ס׳איז דאך פארבונדן מיט הפצת המעינות חוצה, מיט דער גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו, וואס ״ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה״ — אויכעט פארבינדן דאס מיט געבן א שטר, וואס אויף אים איז אויכעט אנגעשריבן — ווי מ׳זאגט מיר — אז ״ע פרוליבוס אונם״, וואס דאס הייסט בפשטות — אז פון א רבים ווערט א יחיד, און דוקא דורך א רבים ווערט דער יחיד מיטן גאנצן שטורעם און מיט דעם תוקף, וועט דאס זיין ״במשפט — כהלכתא״, דער ענין פון ספר התניא; צוזאמען מיט ״צדקה״ — דער ענין פון דעם דאלאר, און דערנאך זאל דאס יעדערער מקבל זיין בספר פנים יפות, ווי מ׳גיט דאס בסבר פנים יפות.

ועוד והוא העיקר, אז דער תניא זאל אויף אזויפיל געניצט ווערן, אז בקרוב זאל מען דארפן אנקומען צו א צווייטן טופס, ווארום ״הפך בה והפך בה דכולא בה״, און נאכמערער און נאכמערער, וואס דעמאלט איז דאך בטבע גשמיות הדברים מוז מען האבן א נייעם תניא, ווארום דער איז שוין פון רוב השימוש והלימוד בו דארף מען האבן א חדש.

ויהי רצון אז נאך איידער מ׳וועט לערנען דאס בהתמדה ושקידה, און נאך איידער דאס פועל זיין דעם ״סיב ובלה בה״, וואס דאס איז אין דעם ספר ווערט דאס אן אלטער, אויסגענוצטער, במילא דארף מען האבן א ספר חדש — ״זה א-לי ואנוהו״, ״בקלף נאה״, ובנוגע צו ספרים הנדפסים — בדפוס נאה; זאל שוין קומען משיח צדקנו, וילמד תורה את כל העם כולו.

וואס דערפאר איז, בפשטות, נאך דערויף וואס מ׳וועט מאכן א ברכה אחרונה – אט די אלע וואס זיינען מחוייב בברכה אחרונה – און זינגען אויכעט דעם אלטן רבין׳ס ניגון, על-כל-פנים פעם אחת, איז דערנאך, אט די וואס וועלן וועלן – וועט זיין דער אויסדרוק פון הכרת תודה נוסף על הדיבור, אויכעט דורך דערויף וואס מ׳וועט געבן יעדערן פון זיי אט דעם תניא – א תניא וואס דארט איז געדרוקט כל שערים פון כל התניא׳ס כמדובר לעיל, צוזאמען מיטן דאלאר.

און ויהי רצון אז פון דער התוועדות זאל מען זיך גלייך אנהויבן גרייטן צו דער התוועדות לקבל פני משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, במהרה בימינו ממש.

די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה – וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

• • •

**שיחה י׳**

מ׳בעט, אז מ׳זאל זיך ניט שטופן, ווארום ס׳וועט סטייען פאר יעדערן, און גיין על הסדר פון דער זייט טיש, אין דער ריכטונג.

און יעדערער וועט באקומען זיין תניא מיטן דאלאר צי פריער צי שפעטער, און ס׳איז קיין נפקא מינה ניט בזה, און מ׳זאל ניט מאכן קיין בלבולים, וואס דאס איז היפך פון דעם גאנצן ענין פון ״לא בחפזון תלכו״, און דאס וואס מ׳וועט דארפןווארטן אן איבעריקע עטלעכע מינוט – וועל איך אפטאן און ווארטן נאך מערער, ביז וואנענט ס׳וועט זיין ״עד האחרון בישראל״ הנמצא כאן.

און אויכעט מוסיף זיין, ווי דערמאנט פריער, אז ס׳איז דאך דא די הכרת תודה נוסף אויף אנשים – אויכעט צו נשים, איז נאך דערויף ווי די אלע אנשים וועלן דורכגיין – איז די פון די נשים וואס וועלן אויכעט וועלן, וועלן אראפגיין אונטן, און די אנשים וועלן פריער ארויסגיין, כדי ניט מאכן קיין בלבולים; און זיי וועלן אויכעט באקומען – יעדערע פון זיי – א תניא מיט א דאלאר.

און ווי מ׳האט מעיר געווען א ״חכם אחד״: וואס מ׳האט זיך מיט מיר געדונגען בנוגע צו לימוד החסידות מיט פרויען, און ער האט געבראכט אויף דערויף, אז ס׳איז א בפירוש׳ע הוראה, אז ס׳איז ששה מצוות וואס יעדערער איז מחוייב, בין אנשים בין נשים, איז דא די מצוה פון ״לייחדו ולאהבה וליראו ולהאמינו ולידע שיש שם אלוקה״, וואס אין די אלע מצוות זיינען נשים מחוייב פונקט ווי אנשים.

ווי אזוי קומט מען, ״כיצד יבוא לאהבתו וליראתו״? – פסק׳נט אפ דער רמב״ם, אז ס׳איז דא איין און איינציקער וועג – ״על ידי שיתבונן״: אז בשעת ער איז זיך מתבונן

אין "גדלות הבורא", וואס דאס איז דאך דער לימוד החסידות, לימוד בנוגע צו ספירות און ווי אזוי עבודת ה' וכו'.

איז העירני חכם אחד, אז ס'שטייט בפירוש אין רמב"ם אזוי: אז אין הלכות תשובה אין פרק עשירי, זאגט דארט דער רמב"ם וועגן דעם סדר אין עבודת ה', און זאגט, אז שלימות אין עבודת ה' איז דאס לימוד תורה לשמה מפני אהבתו יתברך, ניט צוליב דעם שכר; דאס איז אבער אן עבודה גדולה, און מ'דארף דערצו ערשט אנקומען על ידי הלימוד, וואס דערפאר איז מען לומד אויכעט נשים ואנשים, נאך דערויף ווי זיי האבן שוין אנגעהויבן די עבודה על מנת לקבל שכר, און ער טייטשט דא בפירוש אפ אויכעט נשים, אז מ'לערנט מיט זיי אויכעט כדי זיי זאלן צוקומען צו עבודת ה' לשמה "מפני אהבתו יתברך".

וואס דערפאר איז אויכעט, כאמור, בענינינו זה: איז פונקט אזוי ווי צו זיי איז שייך דער ענין פון מצות הצדקה, און צו זיי איז שייך דער לימוד פון הלכות התורה, הלכות הצריכות להן, ווי דערמאנט פריער פון סוף פרק א' פון הלכות תלמוד תורה פון דעם אלטן רבי'ן – איז על-אחת-כמה-וכמה, אז צו זיי איז שייך דער לימוד פון ספר התניא, וואס דורך דערויף קומט מען, ווי דער אלטער רבי איז מעיד, אז מ'זאל וויסן זיין אז "קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו", וואס אין דערויף זיינען דאך מחוייב אנשים ושנים, בלי שום חילוק כלל.

כאמור נאך אמאל – מ'זאל זיך ניט שטופן, וואס דאס וועט מערניט ווי מבלבל זיין, און אז ס'וועט מבלבל זיין וועט געדויערן נאך לענגער.

אויב מ'וועט זיך שטופן – וועט מען מפסיק זיין, ביז מ'וועט זיך בארואיקן! כל זמן מ'וועט ניט אויפהערן שטופן זיך – וועט מען ניט געבן קיין תניא'ס!

• • •

**לזכות**

ר׳ **אליעזר חיים** וזוגתו **רבקה** בתי׳

יוצאי חלציהם וכל בני משפחתם שיחיו

**לפידות**

בוענאס איירעס, ארגענטינא

**Dedicated to the Rebbe with love.**

Thank you for your teachings, devotion,
endless counsel, selflessness and for sharing
with us so many hours of your precious time.

May we merit to see you once again soon.

**By Benyamin & Rochel Federman & Family**